בס"ד

פארגרעסערטע
שבועות איסגאבע

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ד׳
נומער 147
יו"ט שבועות
תשפ"ג

## די תורה איז מיין לעבן



**קינדער ווינקל:**
די בערג שמועסן



**אינפארמאטיווע אינטערוויו:**
מיט ר׳ יוסי גרין



**פאר די אידישע שטוב:**
איך גיי מיט דיר

קרית ברסלב בלעטל וואונטשט פאר אלע חשובע לייענער א פרייליכן יום טוב שבועות

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי׳ שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
שבועות ו׳ סיון תשפ״ג

הדלקת הנרות.........08:03
מוצאי שבת ............09:35

מנחה מעריב נשא ... 09:20

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 26 | 65°/42° | Partly Cloudy |
| Sat 27 | 63°/46° | Showers |
| Sun 28 | 68°/47° | Scattered Thunderstorms |
| Mon 29 | 68°/49° | Showers |
| Tue 30 | 75°/52° | Partly Cloudy |
| Wed 31 | 75°/54° | PM Thunderstorms |
| Thu 01 | 75°/54° | Scattered Thunderstorms |
| Fri 02 | 75°/51° | AM Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל״ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר״ן ועכ״א


היכל הקודש נייעס
פלענער פאר אומאן ראש השנה תשפ״ד
4



געדאנקען
א בר מצוה אין טשיקאגא
6



אינטערוויו
אינפארמאטיוו שמועס מיט דעם מלחין ר׳ יוסי גרין הי״ו
12



מיט א טיפערן בליק
שבועות אין שטעטל (חלק א׳)
24



די אידישע שטוב
איך האב עס ליב!
29



בית פיגא ווערן
רחל אשת רבי עקיבא
35




## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו״ה סענדי ראטה הי״ו**
**וזוגתו רייזל תחי׳**

**צום נייעם מיידל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו״ה ישראל חיים ברוין הי״ו**
**וזוגתו שרה אסתר תחי׳**

**צום שידוך שליסן פון זייער זון למזל טוב**

עב״ג

**מו״ה אייזיק אפפעל הי״ו**
**וזוגתו חי׳ תחי׳**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# שטעטל נייעס

## דריטע תלמוד תורה געביידע אין שטעטל בעז"ה



אין א פרייליכע אנטוויקלונג פאר אנשי שלומינו, גרייט מען זיך צו בויען א פרישע געביידע פארן חדר אויף 157 סאוט מעין סטריט, דער נייער פראיעקט איז שוין דער דריטער בנין פאר די הייליגע מוסדות אין קרית ברסלב ליבערטי וואס וואקסט און בליעט בלי עין הרע.

אין צוזאמען ארבעט מיט די פלענינג באורד פון ליבערטי ארבעט מען אויס די לעצטע דעטאלן פונעם בנין, אז אלעס זאל זיין אויסגעהאלטן און גענעציליך, מען מאכט זיכער אז די באסעס זאלן קענען געהעריג ארייגפארן אראפ לייגן און אויפנעמען די קינדער, וואס דארף גוט אויסגעארבעט ווערן צוליב וואס די פארקינג פונעם געביידע געפונט זיך פון הונטן און די ארייננגאנג צום פארקינג איז פון אבערפערסט סטריט.

די געפלאנטע חדר בנין וועט בעזוז השם זיין א שיינע גרויסע בנין, וואס וועט זיכער צוגעבן צו די הרחבת הדעת פון די מלמדים און תלמידים צוגלייך, עס וועט בעזרת השם אנטהאלטן עלף גרויסע קלאס צימערן פון בערך 550 סקווער פוס יעדעס איינע, אזוי אויך וועט עס האבן א גרויסע הרחבה'דיגע 2,000 סקווער פוסיגע לאנטש רום, ווי מען וועט עסן פרישטאג און מיטאג מיט די קינדער.

אנשי שלומינו זענען מכיר טובה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו וואס שטייט אלץ צו די רעכטע האנט פונעם ראש ישיבה שליט"א און די הנהלת המוסדות - פאר זיין ברייטהארציגע נדבה וואס ער האט געגעבן מען זאל קענען אהערשטעלן און איבערבויען דעם בנין.

דער ראש ישיבה שליט"א, די הנהלה, די מנהלים, מלמדים, טיטשערס און אלע איינגעשטעלטע האבן איין מיסיע פאר די אויגן: די חינוך פון אונזערע קינדער, מען זאל זיי געבן די כלים צו קענען וואקסן און שטייגן געזונט ברוחניות ובגשמיות, די קינדער זאלן זיין צוגעגרייט צום לעבן, זיי זאלן וויסן אז אין יעדן מצב האבן זיי דעם אויבערשטן מיט זיך, און נאר פון אים און נאר צו אים דארף מען זיך שטענדיגן ווענדן, זיי זאלן ליב האבן דעם רבונו של עולם, אידישקייט, תורה און מצוות, און אויף דעם לייגט מען א דגוש, און ביי דעם לייגט מען אריין די כחות, און בסייעתא דשמיא קומט ארויס פון די הייליגע מוסדות הערליכע פירות, ערליכע אינגעלייט וואס לעבן מיטן אייבערשטן, צניעות'דיגע פרויען יראי השם, וואס ציען אויף זייערע קינדער אויפן אויסגעטרעטענעם וועג וואס מיר האבן מקובל פון אונזערע עלטערן.

אנשי שלומינו זענען מתפלל אז די לעצטע פאזעס פונעם פלענינג זאל דורכגיין און אפראווד ווערן ביי די שטאט ווי אמשנעלסטן, און אז בקרוב זאל מען קענען פראוון דעם חנוכת הבית פון דעם שטארק וויכטיגן בנין, און אז אלע תלמידים און תלמידות זאלן וואקסן און שטייגן בתורה ויראת שמים און וואקסן אמת'ע ערליכע אידן.




די פלאן פון די באסעס וואס גייען ברענגען און טראגן די קידער אינטערן בנין.

אומאן

## ערשטע פלענער פון פלען איט רייט פאר אומאן ראש השנה תשפ״ד



דער ראש ישיבה ביים לערנען אויפן באן

די שטארק ערווארטעטע נייעס איבער די בעפארשטייענדע אומאן ראש השנה פלענער זענען נארוואס ארויסגעקומען דורך די וואויל באקאנטע "פלען איט רייט" טרעוועל אגענטור.

צוליב דעם וואס די מלחמה צושטאנד אין אוקראינע האלט נאך אלס אן און די עירפארטס זענען נאך אלץ פארמאכט, האט פלען איט רייט איבער געפרישט די פלענער פון פאריאר, וואס וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף נעמען אנשי שלומינו אויף א געשמאקע רייזע קיין אומאן, אויף די בעסטע וועג וואס מעגליך.

איינע פון די פארבעסערונג פון פאריאר, וועלן זיין אז מען וועט בעזרת השם פארן מיט "טשארטער" פליגערס קיין פוילן, וואס וועט זיכער שטארק לייכטער מאכן דעם שווערן רייזע, אז מען וועט נישט דארפן קומען במשך אסאך שעות פון פילע עירפארטס און באזונדער זיך דארפן צוזאם טרעפן, אזוי אויך וועט נישט זיין קיין סטאפס, נאר אלע וועלן אינאיינעם פארן אין א טשארטער פליגער מיט בלויז ערליכע אידן, מענער ארבעטערס, מיט היימישע געשמאקע כשר'ע מאלצייטן צוגעשטעלט פאר אלעמען, אזוי ווי "פלען איט רייט" שטעלט צו.

די טשארטער פליגער וועט פארן דירעקט פון נוארק עירפארט, קיין ריישא פוילן, ווי א גרויסע פלאטע פון באסעס וועלן אלעמען אפווארטן, און צופירן קיין ליזענסק ווי מען וועט מאכן א קורצע אפשטעל פאר א ווארימע מקוה, און א געשמאקע מאלצייט, און נאך א קורצע צייט תיכף צופארן קיין פשעמישל צום 10 שעה'דיגע באן רייזע קיין אומאן.

לויט ווי עס הייסט יעצט וועט זיין צוגעשטעלט צוויי באזונדערע טשארטערס, דער ערשטער וועט אם ירצה השם ארויספארן פון נוארק אום מאנטאג פאר ראש השנה - און ווי עס הייסט יעצט וועט דער ראש ישיבה שליט"א מיטפארן מיט דעם פלייט - און דער צווייטער וועט אם ירצה השם פארן קומענדיגן טאג - דינסטאג, וואס דער פלייט איז מער געאייגענט פאר די וואס ווילן פארן שפעטער, ביידע וועלן בעזרת השם אנקומען קיין אומאן גענוג פרי פאר ראש השנה וואס פאלט אויס דאס יאר שבת און זונטאג, אבער פארשטייט זיך אז דער מאנטאג פלייט וועט בעזרת השם אנקומען מיטוואך, וואס וועט געבן א געלעגנהייט פאר די רייזענדע זיך נאך אביסל אפצורוען פאר יום טוב נאך דעם לאנגן רייזע.

וויבאלד היי יאר וועט מען בעזרת השם פארן מיט טשארטער פלייטס, קען מען אויסשטעלן די צייטן פון ארויספליען לויט געברויך פון אנשי שלומינו, וואס כאטש געווענליך פארן נישט ארויס קיין פליגערס פון ריישא אריבער דעם אטלאנטיק אין די נאכט שעות, וועט אבער דער טשארטער מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף יא קענען ארויספארן צוריק קיין ניו יארק צום גדלי' ביינאכט נאכדעם וואס מען קומט אן קיין פוילן מיטן באן, און אזוי וועט מען בעזרת השם נאך קענען זיין צוריק אינדערהיים צום גדלי' ביינאכט.

ווען מיר שרייבן איבער די גרויסע פלענער טארן מיר אבער נישט פארגעסן, אז גארנישט קען מען נישט באקומען אן בעטן דעם אייבערשטן, בפרט ווען מען רעדט איבער אזא גרויסע זאך פון קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, אויף וואס דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעדרוקט "קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן" פארלייגט זיך דער סמ"ך מ"ם, צו שטעלן שטיינער אויף יעדן טריט, דארפן אנשי שלומינו געדענקען כסדר צו בעטן דעם אויבערשטן סיי אז די פלענער זאלן זיך אויסארבעטן בכלליות על צד היותר טוב, און סיי אז יעדער באזונדער זאל קענען איבערקומען אלע פערזענליכע שוועריקייטן וואס שטייען אין וועג.

אויסער דעם האט פלען איט רייט נאך פילע אפציעס פון פילע פלייטס יעדער איינער לויט זיין געשמאק און בודזשעט, אזוי אויך קען מען באשטעלן נאר די באן, אדער נאר די טשארטער, מען קען אויך באשטעלן טיקעט צו פליען מיט אנדערע עירליינס צו אנדערע עירפארטס אין די לענדער ארום אוקראינע, ווי פוילן, רומעניע, אונגארן, מאלדאווע און אזוי ווייטער.

פאר אלע טיקעטס קען מען רופן "פלען איט רייט" וואס איז גרייט צו סערווירן יעדן בעזרת השם. מען קען רופן אויף 845-678-3555.

מיר ווילן קלארשטעלן אז די פלענער זענען נאך ממש די ערשטע ווערסיע, און זענען שטארק אומשטאנד זיך צו טוישן, סיי וויבאלד מען האלט נאך יעצט עטליכע חדשים בעפאר ראש השנה, און סיי צוליב וואס זאכן אין אוקראינע קענען זיך נאך טוישן.

עס איז טאקע כדאי אז אנשי שלומינו זאל אויך בעטן דעם אייבערשטן אז די זינלאזע מלחמה אין אוקראינע זאל זיך שוין ענדיגן, און מען זאל קענען צופליען דירעקט קיין אוקראינע צו יעדעמ'ס צופרידנהייט.

**בית שמש**

## בית הדפוס היכל הקודש בית שמש



בית הדפוס היכל הקודש בית שמש איז גרויס באקאנט די לעצטע צוויי יאר ביי אלע תושבי בית שמש.

פון דעם בית הדפוס גייט ארויס יעדע וואך טויזנטער גליונות היכל הקודש, הונדערטער ספרי 'עצתו אמונה', צענדליגע פון די אנדערע ספרים און גליונות ווי למשל 'אשר היה אל יואל' 'שיחות הראש ישיבה' גליון 'סיפורי מעשיות' און נאך, אזוי אויך דרוקט מען צענדליגע 'קרית ברסלב בלעטל', לעצטענס האט מען אויך אנגעהויבן דרוקן הונדערטער גליונות פון 'שיעורי חינוך' וואס ווערט אויסגעכאפט דורך מלמדים, מחנכים, און כלל עמך בית ישראל וואס ווילן א וועג אין מחנך זיין די קינדער, אזוי ווייטער אלע פולע גליונות וואס קומט ארויס פון היכל הקודש תלמידי הראש ישיבה שליט"א.

יעדע וואך דאנערשטאג קומען די פולע צענדליגע מפיצים נעמען זייער פעקל און מ'גייט ארום דאס מפיץ זיין אין אלע בתי מדרשים אין בית שמש. מ'באקומט צוריק ווארימע גריסן פון אסאך טייערע אידן יעדע וואך וואס זענען זאך פשוט מחי' דאס הארץ מיט די פשוטע טייערע און זיסע לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז.

דעם לעצטן פרייטאג פרשת אמור איז די בית הדפוס אנגעקומען צום אומגלויבליכן נומער פון מיליאן (!) פרינטס וואס מ'האט געדרוקט אין ווייניגער פון צוויי יאר, וואס דאס מיינט אז יעדע חודש גייט ארויס איבער 40 טויזנט בלעטער געדרוקט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט באזוכט אין דעם בית הדפוס דאנערשטאג ויגש תשפ"ב, און ער האט דארט ארום געריעדט איבער די גרויסקייט פון האבן די געוואלדיגע זכי' צו גיין מפיץ זיין די לעכט פונעם הייליגן רבי'ן, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה ארויס געברענגט די דאנקבארקייט וואס ער האט פארן מנהל בית הדפוס מו"ה יצחק ראטה הי"ו וואס האט אריינגעברענגט אין זיין שבת שטוב א גרויסן מאשין צו דרוקן אלע גליונות. נאכן שיעור איז דער ראש ישיבה אריבער אויף די רשימה פון די אלע מפיצים יעדער איינער וויפיל גליונות ער איז מפיץ וואך נאך וואך.

דא איז טאקע די פלאץ צו זאגן יישר כח אין נאמען פון אלע אנשי שלומינו פארן מנהל בית הדפוס וואס געט אוועק יעדע וואך שעות אויף שעות צו דרוקן אלע גליונות און אנגרייטן פאר יעדן מפיץ זיין פעקל לויט וואס יעדער איינער באשטעלט, אזוי אויך געבט ער אוועק זיין שבת שטוב פאר אלע תפילות שבת יעדע וואך יעדע יום טוב און יעדע צייט וואס מ'דארף, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעם גוטס אין זכות פון העלפן דעם הייליגן רבי'ן מיט אזא געטריישאפט.

יעדע האלבע יאר דארף מען שאפן גרויסע סכומים פון טויזנטער שקלים צו קענען קויפן נאך פאפיר פארן בית הדפוס, און אזוי ווי יעדער ווייסט אז די פרייזן גייט ארויף און ארויף און היינט צוטאג קאסט צו קויפן צוויי פעלעטס פון בלעטער (איינס קליינע פאר די עצתו אמונה און איינס גרויסע פאר די גליונות) איבער 12 טויזנט שקלים, אנשי שלומינו איבער די גאנצע וועלט קענען יעצט האבן די זכי' ארויס צו העלפן אז דער בית הדפוס זאל קענען אנגיין ווייטער

איר קענט תורם זיין דורך די "נדרים פלוס" אונטער נאמען פון 'היכל הקודש בית שמש' אדער רופן דעם מנהל בית הדפוס אויף 972 504199751

# א בר מצוה אין טשיקאגא



משה אורי' שניטצלער

די ערשטע טיי אווענט פאר די כולל איז פארגעקומען ד' יתרו תשע"ט.

איך האב דעמאלטס פארשטאנען צו פאן דרעיזינג אזוי ווי צו ווייסע פעטרושקע.

איך האב נישט געוואוסט בחייכון וביומיכון ובחיי.

נישט אז היינט בין איך עפעס א מעגע פארשטייער, אבער איין זאך האב איך יא געלערנט. שאפן געלט פאר דעם הייליגן רבי'נס א מוסד קומט נישט פון אזא מהלך אדער אזי מהלך. ביים רבי'ן ארבעט נאר "הארץ", "נשמה", "געפיל".

אויב דיין הארץ איז דערינען וועסטו זען הצלחה. אויב דו טוסט עס "בלית ברירה'דיג", "פארלאשן", "געצווינגען", זעט מען הארץ-לאזע פירות, געצווינגענע רעזולטאטן, פארלאשענע רווחים.

איז מיין הארץ דערינען? דאס קען איך אייך נישט אליין זאגן, אבער מיין טייער חבר פיני נ"י זאגט מיר אלץ "אויב דו וואלסט אריינגעלייגט אזויפיל הארץ אין בויען ריעל עסטעיט ווי אין בויען ברסלב, וואלסטו געווען רייכער ווי דזשעף בעזאס!"

דער ראש ישיבה האט מיך געפערעגט וועגן מאכן א טיי אווענט, כ'האב פארשטאנען פון די ווערטער ווי אזוי דער ראש ישיבה האט עס געפערעגט, אז דער ראש ישיבה האלט דערפון. שוין, מע'גיימער מאכן א טיי אווענט.

פיסטאטשיא'ס איז שוין דא ברוך השם. טענזשערינען איז שוין דא ברוך השם. די פראבלעם איז נאר, ווער גייט עס אפשיילן?

כ'מיין צו זאגן ווער גייט "קומען" עס אפשיילן?

כ'מיין צו זאגן ווער גייט קומען?

ווער גייט קומען צו מיין טיי אווענט?

איך האב נישט צו סאך חברים פון די סארט וואס זוכן צו אנטלויפן פון שטוב אום האלבער ניינע ווען מ'דארף באדן דריי פיצלעך קינדער, און דערנאך אריינשיקן אין בעט די קינדער וואס קומען ארויס פון בעט דריי און ניינציג מאל, ווייל ער איז "עכט" הונגעריג, און זיין בויך טוט "עכט" וויי, און ער האט "יעצט" באקומען א מאסקיטא בייט אויפ'ן שפיץ נאז.

וואו נעמט מען מענטשן פאר א טיי אוונט?

ס'איז שוין אדורך איבער פינף יאר! און איך לעב נאך און די כולל לעבט נאך. וויאזוי? אז מ'איז גרייט צו ווערן מאראסטיג קען מען זייער שיין מצליח זיין. אויב מ'האלט זיך שטייף און באקוועם, איז מען אין א פראבלעם! אויב מ'האלט זיך אומבויגזאם איז דער לעבן גרויזאם! אז מ'געט זיך איבער צום אייבערשטן, און מ'לאזט זיך פירן פון הימל, האט מען א זיסע לעבן.

יעדע מאל וואס ס'מאכט זיך א שווערער טאג, ס'קומט נישט אריין די געפאדערטע סכומים, מאך איך א חשבון הנפש, אפשר האלט איך זיך צו בכבוד'יג. לאמיך אפמאכן אז איך וועל טון אלעס וואס איז נויטיג צו קענען העלפן דעם רבי'ן, לאמיך אנרופן נאך א מענטש וואס איז מיר אומבאקוועם אים צו רופן. לאמיך גיין נאך א שעה אויף די הייזער, און זיך פרייען מיט א קוואדער, און פלוצלונג רופט איינער אריין מיט א טויזנטער..... דער עיקר אין לעבן איז ביטול. זאגן פאר'ן אייבערשטן א גאנצן צייט "איך וויל גארנישט, איך וויל נאר וואס דער אייבערשטער וויל". דער הייליגער קאמארנער זי"ע שרייבט אין נתיב מצוותיך אז די זאך פון ביטול, זיך איבערגעבן צום אייבערשטן און מסכים זיין אינגאנצן ווי אזוי דער אייבערשטער פירט, איז סאך א שווערערע עבודה ווי זיך היטן די אויגן.



יענע ערשטע טיי אוונט איז פארגעקומען על כיף נהרתא ד׳האדסאן, אין שטוב פון אונזער ידיד מו״ה העניך אינדיג הי״ו. דעמאלטס האט ער געוואינט נעבן קענט עוועניו, ביים האדסאן ריווער.

איך געדענק נאך ווי איך שטיי אזוי פארלוירן דארט אונטן ביי שעיפער. די קאר איז אנגעפילט, מיין קאפ דרילט. מיין מח רודערט. מיין הארץ פיבערט. טאצן מיט מאראנצן. שיסלעך מיט ניסלעך. בענקלעך און טישן, נעפקינס זיך צו ווישן.

אלעס איז שוין דא, אבער וואו זענען די מענטשן? (אזוי ווי יענער גייט צו צו א איד מיט א גרויסן הויכן שטריימל און א קליינע פלאטשיגע שכל, און זאגט אים ״שלום עליכם רבי שטריימל! וואו איז דער קאפ?)

מיינע קישקעס ציטערן, ס׳צאפלט מיינע אדערן, צו גיי איך זיין היינט צו שאנד און צו שפאט? האב רחמנות ליבער גאט!

אבער האלט דעם דיימאנט! האלט עס הויך אזוי ווי ״דהי אלימפיק פלעים״! האלט עס הויך און לויף פאראויס! די גאנצע וועלט קוקט אויף דיר! באלד ביסטו אן אלימפיק טשעמפיאן! דו וועסט נישט אייביג דארפן לויפן די אלימפיק לויף! מ׳באקומט די אלימפיק מעדאל און מ׳גייט אריין אין ״גינעס בוק אוו ווארלד רעקארד״. דיין נאמען בלייבט שוין דארט אפילו ווען דו גייסט אהיים זיך אנשפארן אויף׳ן רעקליינער. מ׳לויפט נישט אייביג! מ׳שוויצט נישט אייביג! די נחת בלייבט אויף אייביג!

אבער ניין! איך קען עס נישט הענדלען!

איך קענסל ארויס! איך גיי זאגן א תירוץ פאר העניך אז איך האב א בר מצוה אין טשיקאגא, אדער א באווארפן אין לאס אנזשעלעס, אדער א תנאים אין אריזאנע. עפעס א תירוץ מוז איך טרעפן! איך קען נישט פעיס׳ן די צוריסענע סיטשועישן. באלד וועל איך אריינגיין אין גינעס בוק אוו ווארלד רעקארד מיט׳ן טיטל ״דער דיזיינער פון די מערסטנס דורכגעפאלענסטער טיי אוונט אין די היסטארי אוו מענקיינד״.

אבער אז אונזער הייליגער רבי זאגט דיימאנד, איז דיימאנד זאל זיין!

וועלכע דיימאנד?

די דיימאנד פון די מעשה וואס מיר דערציילן שבת ביי די פיש.

גלייך ביים אנהייב סעודה ווען יעדער באקומט א טעלער מיט סעלמאן פיש, אוואקאדא, גריל׳ד עגגפלענט, טשערי טאמעיטע, קיוקאמבער, פאפריקע (אלע פיר קאלירן, געיל, רויט, אראנדזש, גרין) אייסבערג לעטעס, אלפאלפא (ניין! נישט פאלאפל! אלפאלפא!), רוקט דער טאטע זיין טעלער אין די זייט און הייבט אן דערציילן.

ס׳איז געווען א ארימאן, וואס האט געגראבן זאמד, דאס איז געווען זיין פאך אין די האנט, פלוצלונג זייער אינטערעסאנט, ער טרעפט א דיימאנט, ס׳איז געווען גרעסער פון זיין האנט.

ער גייט צום זייגער מאכער ער זאל עס אפקויפן, זאגט ער אזא דיימאנט קען קיינער נישט קויפן נאר דער קעניג אליין, דארפסט פארן מיט א שיף ביז לאנדאן.

האט ער געקליבן נדבות אויף שפעזן צום פארט. ביים פארט זאגט ער דעם קאפיטאן אז ער מאכט ביזנעס מיט׳ן קעניג, ער ווייזט אים דעם דיימאנד. דער קאפיטאן האט שיעור גע׳חלש׳ט. אזאנס האט ער נישט געזען אין זיין לעבן!

דער קאפיטאן געט אים די שענסטע צימער. ער שמועסט מיט אים יעדן טאג. דער ארימאן האט אלץ געהאלטן דעם דיימאנד אויפן טיש ער זאל עס זען ביים עסן און שעפן נחת.

איינמאל האט דער אייבערשטער געמאכט אז פונקט איז ער איינגעשלאפן און מ׳קומט רייניגן. די גאנצע טישטוך ווערט אויסגעשאקלט פון ברעקלעך אין ים אריין. מיט׳ן דיימאנד בתוכם!

אוי א בראך!

אבער ער איז געווען א קלוגער, ער האט זיך שנעל אריענטירט. אויב איך גיי נישט עקט׳ן עושר בין איך טויט! איך מוז עקט׳ן ווי אלעס גייט אן. ווען דער קאפיטאן פרעגט אים וועגן די דיימאנד זאגט ער א באבע תירוץ אז ער וויל עס נישט ווייזן ווייל ס׳דרייען זיך גנבים אויפ׳ן שיף.

פאר מ׳קומט אן קיין לאנדאן זאגט אים דער קאפיטאן אז אונטן, אין די אונטערשטע שטאק פון די שיף, איז אנגעשטאפט מיט א ריזיגע קוואנטום פון ווייץ. ער מעג עס נישט אריינברענגען, וועגן לעגאלע



פראבלעמען. שרייבט ער א שטר אז די ווייץ באלאנגט פאר אים.

דער ארימאן נעמט דעם שטר אז די ווייץ איז זיינס. גלייך אויפן פלאץ איז דער שיף קאפיטאן געשטארבן און דער ארימאן איז געווארן זייער רייך פון די ווייץ.

האט דער הייליגער רבי אויסגעפירט די מעשה אזוי: דער דיימאנד איז נישט געווען זיין, והראי' ס'איז נישט געבליבן ביי אים, די ווייץ איז יא געווען זיין, והראי' ס'איז יא געבליבן ביי אים, אבער פארוואס האט ער באקומען די ווייץ? ווייל ער האט זיך דערהאלטן.

איך מוז האלטן דעם דיימאנט!

למעשה האט דער אייבערשטער אנגענומען מיינע תפלות, כ'האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה זאל קומען צום טיי אווענט. ברוך השם ס'איז געווען זייער פיינע בא'טעם'טע שמועסן מיט'ן ראש ישיבה.

אינמיטן האט דער ראש ישיבה גערעדט צו די באטייליגטע וועגן די זכות פון העלפן די כולל. איינער האט ארויסגענומען א צוואנציגער און דער ראש ישיבה האט גערעדט צו אים ער זאל געבן א שיינעם גרויסן סכום, וויפל מ'צאלט פאר א אינגערמאן א חודש! און דער ראש ישיבה האט פערזענליך געשריבן יענע רעסיט, די זעלבע איז געווען מיט נאך איינעם וואס דער ראש ישיבה האט אים אויך צוגערעדט צו געבן די סכום פון א אינגערמאן פאר א חודש, ביים צווייטן האט דער ראש ישיבה אויך פערזענליך געשריבן די רעסיט.

עלף דרייסיג ביינאכט האמיר זיך געזעגנט מיט א בארג שאלאכץ פון טענזשערינען און פיסטאטשיא'ס. ס'איז ברוך השם געווען א סמעשינג היט סוקסעס!

כ'האב מיך געלערנט צום ביליאן און דריי און ניינציגסטע מאל אז אין לעבן פאסירן זאכן וואס איז נאר א אפשרעקעניש און דער מענטש מיינט נעבעך אז ס'איז עק וועלט. ער פארגעסט אז דער אייבערשטער פירט אלעס ווי א פאפעט שוי, דער אייבערשטער מאכט אונז דורכגיין א שרעק צו זען וואס טוען מיר בעת צרה? מיר לויפן צוריק צום באשעפער? אדער מיינען מיר נאך אלץ אז געלט קען העלפן א מענטש.

איך דאנק דיך טייערער העניך נ"י פאר די ערשטע טיי אוונט פון די ברסלב'ע כולל.

אנהייב, ניסן תשע"ח איז געווען צוויי אינגעלייט, היינט, פינף יאר שפעטער איז דא דרייצן אינגעלייט!

דער ראש ישיבה זאגט אז אויף תשרי תשפ"ד רישט מען זיך אויף נאך פינף אינגעלייט! א טאטעל פון אכצן טשעקס א וואך!

יעדער אינגערמאן באקומט $350 א וואך, דאס הייסט $1400 א חודש.

דאס איז א ריזיגע בודזשעט!

דער כולל האט אויך א מסגרת פאר הוראה. א קבוצה אינגעלייט אין כולל לערנען הוראה, וואס נעמט זעקס יאר. די פלאן איז אז אין עטליכע יאר ארום זאלן מיר האבן צום דינסט פון די קהילה צען פרישע דיינים! ווער עס זעט די שנעלע וואוקס פון אונזער קהילה פארשטייט גוט די וויכטיגקייט פון אנגרייטן נאך דיינים.

ברוך השם תלמידי היכל הקודש רופן זיך כסדר אן ווארעם פאר'ן כולל.

פון צייט צו צייט קומט פאר א סעודת ראש חודש מיט די ראש ישיבה פאר די תומכים פון כולל.

מ'קען לייגן אין כולל א צעטל לעילוי נשמת, אדער פאר א זכות לכבוד א שמחה, אדער פאר א ישועה.

יעצט לאמיר צוריקגיין צו די טעלער מיט די סעלמאן, אוואקאדא, עגגפלענט, טאמעיטא, טחינה, חומוס, ספייסי מעיא, ועוד ועוד.......

מיינט נישט אז איך עס נישט קיין סעלמאן פיש. ס'איז פשוט אז מען פאקוס'ט אויף די ערשטע צען מינוט, קען מען גרינגער האלטן סדר פאר די קומענדיגע צוויי דריי שעה.

עס לוינט זיך מיר צו עסן די פיש צען מינוט שפעטער, אבי די סעודה זאל זיך אנהייבן מיט די רעכטע פיס. זאל יעדער אנהייבן עסן, איך וועל אנהייבן דערציילן, איך קוק זיך אום ס'זאל זיין א שיינע בא'טעמ'טע געשמאקע טיש.

איך קוק זיך פאר וועלכע מעשיות איך גיי דערציילן. אסאך מאל האב איך שוין פון דינסטאג אדער מיטוואך א צעטל אין טאש פון די מעשיות וואס איך גיי דערציילן בעזר השם.



דער ראש ישיבה זאגט אז מ'מוז נישט ברענגען נייע מעשיות. מיר האבן די זעלבע הונדערט, צו צוויי הונדערט מעשיות. מ'דערציילט עס איבער און איבער. די קינדער זענען זיך מחי'.

יעדע מעשה מוז האבן א קלארע פוינט. חד וחלק.

די שיכורים שלעפן רבי ר' אלימלך צו טאנצן. ער טוישט זיך מיט רבי ר' זושא. סע'העלפט נישט. אלעס פירט זיך פון הימל.

רבי אברהם גאלאנטי כאפט אן די צוויי לייבן. א צדיק האט נישט מורא פון קיינעם.

דוד המלך הרג'עט גלית. א צדיק איז שטערקער פון א ריז.

רבי מרדכי יפה דער בעל הלבושים אנטלויפט פון אן עבירה. ער האט נישט וואו צו לויפן נאר אריינטאנצן אין מי שופכין, שמוץ פון ביה"כ. ער איז זיך מוסר נפש. און באקומט שכר צען לבושים.

דער וואס איז זיך מתחצף פאר רבינו הקדוש מ'סאטמאר ביי די געמישטע חתונה רחמנא לצלן איז די נעקסטע טאג געווארן גע'הרג'עט ביי די מיל רחמנא לצלן. אז מ'טשעטפעט א צדיק איז זייער ביטער.

רבי משה לייב סאסובער האט געקושט דעם פריץ'ס שרץ אז ער זאל באפרייען דעם איד. נאכדעם האט ער נישט געקענט דאווענען ביז ער האט זיך דערמאנט פון פרק שירה, כלבים אומרים לכו נרננה. אז א הונט מעג דאווענען מעג איך אויך.

דער נודע ביהודה מיט די ווייצל אין די קוגל. אז א מענטש מיינט אז ער איז דערנאך קען ער נעבעך אינגאנצן אוועקפאלן. מ'טאר זיך נישט אראפקלאפן.

רבי נתן זאגט "גרויסע פינעף מינוט"

רבי דוד מיקאלייעווער מאכט ווייץ פאר'ן הייליגן בעל שם טוב. מ'מוז בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך.

דער פריץ מיט די מאנקי. אז מ'גלייבט אין דעם אייבערשטן האט מען א ישועה באופן פלא.

די מעשיות נעמט נישט לאנג. פינף מינוט. נאך א מעשה און נאך א מעשה. אויב איך זע ס'ווערט שוין צו "פארמאאאאאל", ס'ווערט לאנגווייליג, געב איך זיך א דערמאן, הויך אין דראמאטיש, אז די וואך האב איך די ערשטע מאל געזען א רויטע פיק אפ טראק! ער איז געפארן אויף הונדערט צען! כ'מיין ס'איז געווען א באהאלטענע פאליס!

מיין זון פרעגט אויב ס'קען זיין א פאליס פיק אפ טראק? אודאי! אודאי!

אודאי! אודאי איז עס געלונגען אז איך קען יא מאכן א שיינע שבת טיש!

אודאי איז עס געלונגען אז די קינדער זיצן נאך א פאר מינוט ביים טיש!

כ'מאך א סענדוויטש, פון אונטן א רויטע פיק אפ טראק, פון אויבן א פינקע העליקאפטער, און אינמיטן האב איך אריינגעלייגט א מעשה פון א צדיק!

נאכדעם ווען איך לייג אים אין בעט לייג איך צו נאך איין מעשה ווי דער הייליגער אמרי יוסף מ'ספינקא האט פארראכטן א נשמה די צווייטע נאכט פסח, בשעת ער האט נאכ'ן סדר געליינט די מגילה על זכר הנס פון מגלת אסתר, וואס איז געווען די צווייטע טאג פסח.

אינמיטן דערציילן מאכט זיך צו זיינע אויגעלעך, ער שלאפט איין מיט די זיסע טעם, ווי א צדיק כאפט אן א נשמה און לייגט אים אריין אין גן עדן!

שכח אייבערשטער אז מוהרא"ש האט מיך אריינגעלייגט אין גן עדן פון זאגן משניות. אין גן עדן פון רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג. אין גן עדן פון רעדן שיין אינדערהיים. אין גן עדן פון "קיינער קומט מיר גארנישט"!





# מעשיות פון תפילה

## ישראל דוד ברוקמאן - בני ברק:

נאך אסאך תפילות האב איך זוכה געווען צו זיין ל"ג בעומר אין מירון.

ל"ג בעומר אינדערפרי האב איך מיר ארויסגעלאזט מיט א קאר קיין מירון צוזאמען מיט מו"ה משה רעכניצער הי"ו פון בני ברק, אזוי ווי אלע ווייסן זענען די וועגן ארום מירון געווען פארמאכט, און נאר מיט א ספעציעלע פערמיט האט מען געקענט אריינפארן, איך האב נישט געהאט קיין פערמיט, אבער איין זאך האב איך יא געהאט, דאס איז 'תפילה', איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנקומען קיין מירון אן קיין פראבלעמען.

ווען איך בין אנגעקומען נאנט קיין מירון האט מיר WAZE געוויזן צו פארן א רעכטס אויף א זייטיגע וועג, אבער דארט איז געשטאנען די פאליציי און נישט אריינגעלאזט אן קיין פערמיט, האב איך אפגעמאכט צו פארן אויפן גראדן וועג וואס מען פארט געווענליך קיין מירון, און דער אייבערשטער וועט אונז העלפן.

מיר לאזן זיך ארויס אויפן ראוד ווי מען פארט געווענליך, אפאר פאליציי זענען דארט געשלאפן און נישט באמערקט אז מיר פארן אדורך. אזוי זענען מיר געפארן ביזן קומענדיגן פלאץ ווי די פאליציי זענען געשטאנען, עס האט געווארט דארט אפאר באסעס אדורך צו פארן, מיר האבן זיך געשטעלט אונטערן רייע פון די באסעס, און ווען זיי זענען אריינגעפארן זענען מיר זיי נאכגעפארן, און וואונדער איבער וואונדער אז די פאליציי האבן אונז גארנישט געזאגט.

אזוי זענען מיר אנגעקומען ביז ממש הארט פאר מירון, און דארט האבן מיר געטראפן א פלאץ צו פארקירן די קאר.

## יואלי"ש קרויס - ביתר:

**א)** איך האב פארלוירן מיין הוט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א גוטע שיינע הוט פאר א ביליגע פרייז. איך בין געגאנגען פון איין הוט געשעפט צום צווייטן אבער נישט געטראפן די ריכטיגע וואס איז גוט פאר מיר.

ביז איך בין געוואר געווארן פון א הוט געשעפט אין ירושלים וואס זיי האבן ביליגע היטן צוליב דעם וואס זייער היטן איז פון א ביליגע סארט סחורה. איך קלינג זיי אן פרעגן אויב זיי האבן מיין סייז, זאגט ער מיר אז ער האט יעצט אפאר שיינע היטן פון אמעריקע און ער קען עס מיר געבן פאר די זעלבע ביליגע פרייזן וואס ער פארקויפט זיינע ביליגע היטן.

**ב)** פסח בין איך געווען אין חוץ לארץ, אויפן וועג אהיים אין לופטפעלד איז געווען א לאנגע שורה, מען האט משוגע געמאכט מענטשן וועגן די רענצלעך אז עס וועגט צו סאך וכדומה.

איך האב גלייך געבעטן דעם אייבערשטן אז ביי מיר זאלן זיי נישט משוגע מאכן וועגן די רענצלעך, איך בין אנגעקומען ביי זיי, האב איך געזען אז מיין רענצל וועגט אויך מער ווי ערלויבט, אבער דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ער האט נישט געקוקט וויפיל עס וועגט, ער האט ארויפגעלייגט די סטיקער אויפן רענצל און ויסעו.

## יעקב יאקאבאוויטש - קרית ברסב:

איך האב ארויסגעשיקט טשעקס אויף די פאסט צו באצאלן פאר איינעם, נאכן ארויסשיקן האב איך מיך געכאפט אז איך האב פארגעסן צו לייגן א סטעמפ. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די טשעק זאל נישט בלייבן שטעקן ערגעץ אינדערמיט, און עס זאל אנקומען צום ריכטיגן אדרעס.

און וואונדער איבער וואונדער די טשעקס איז אנגעקומען צום דעסטינאציע אן קיין סטעמפ.

# א בריוו
### פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י"א סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**"אִלּוּ פִּינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה כַּהֲמוֹן גַּלָּיו, וְשִׂפְתוֹתֵינוּ שֶׁבַח כְּמֶרְחֲבֵי רָקִיעַ וְעֵינֵינוּ מְאִירוֹת כַּשֶּׁמֶשׁ וְכַיָּרֵחַ, וְיָדֵינוּ פְרוּשׂוֹת כְּנִשְׁרֵי שָׁמָיִם וְרַגְלֵינוּ קַלּוֹת כָּאַיָּלוֹת - אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת לְפָנֶיךָ"** - אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה מַאכְן מַיין עֶלְצְטֶע זוּן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת; מַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט לוֹיבּ צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי נִיסִים בִּיז אַהֶער.

**דִי נַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה הָאט נִישְׁט גֶעקָאסְט קַיין גֶעלְט;** אַז מֶענְטְשְׁן פְּרֶעגְן דִיר וֶועגְן דִי חֲתוּנָה נַאכְט זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן פַארְוֶועם עֶס קוּמְט בְּאֶמֶת דֶעם קְרֶעדִיט. דֶער קְרֶעדִיט פוּן דִי חֲתוּנָה בְּחִינָם אִין יְשִׁיבָה קוּמְט נִישְׁט פַאר מִיר, דָאס אִיז נִישְׁט מַיין בֵּייפַאל, **דָאס קוּמְט פוּן אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא"שׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה,** וָואס הָאט דָאס אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנִיאֵל וואוּ עֶר הָאט גֶעבּוֹיט אַ זַאל בְּחִינָם פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן אַיינְגֶעפִירְט אַז אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן קָאכְן אוּן נֶעמֶען אַ טֵייל אִין דִי סְעוּדָה אַז עֶס זָאל נִישְׁט קָאסְטְן פַאר דִי מְחוּתָּנִים קַיין אֵיין פְּרוּטָה. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן עֶר הָאט אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת גֶעהַאט, וְוִיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעזֶען אַז מֶען וַוארְט צוּ טוּן שִׁידוּכִים אוּן מֶען הַאלְט אוֹיף דִי קִינְדֶער וַוייל עֶס קָאסְט גֶעלְט, הָאט עֶר גֶעבּוֹיט דֶעם זָאל אַז עֶס זָאל זַיין בְּחִינָם כְּדַאי אַלֶע זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג.

דוּ הָאסְט דָאךְ מִיט גֶעהַאלְטְן דִי שִׂמְחָה אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ וִויל דִיר פְּרֶעגְן: **"וָואס הָאט גֶעפֶעלְט פַאר דִי שִׂמְחָה?** וָואס פֶעלְט יֶעצְט פַאר חָתָן כַּלָּה? וָואס פֶעלְט פַאר אַלֶע חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת וָואס הָאבְּן דָא חֲתוּנָה גֶעהַאט בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת?" פַארְוָואס זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט נָאכְמַאכְן וֶוען עֶס קָאסְט דִיר גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלְט? דִי גַאנְצֶע חֲתוּנָה נַאכְט פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז'ן סוֹף אִיז גֶענְצְלִיךְ בְּחִינָם. אַז דוּ הָאסְט אַפָּאר דָאלְלֶער פַארְוָואס זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט גֶעבְּן עֶנְדֶערְשׁ פַאר דִי קָאפְּל זֵיי זָאלְן קֶענֶען אָנְהֵייבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן?

**אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶועלְן דָאס נָאכְמַאכְן;** מֶען וֶועט נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן קַיין אִיבֶּערִיגֶע גֶעלְט אוּן מֶען וֶועט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג אוּן רֵיין.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

# א שיחה
### פון דער
### ראש ישיבה שליט"א



## יום טוב שבועות

**איין יאר פאר יום טוב שבועות האט דער ראש ישיבה ארומגעשמועסט אפאר וויכטיגע נקודות בנוגע לערנען אויפן סדר הלימוד און געזאגט:**

**א)** איינמאל דו וועסט טועם זיין דעם "סדר דרך הלימוד" וועסטו שוין נישט דארפן קיינעם אויפן וועלט, דו וועסט נישט דארפן נישט די וועלט און נישט יענע וועלט. אזוי ווי דער רבי האט איינעם גע'מוסר'ט (שיחות הר"ן, סימן יז): **"מַדּוּעַ לֹא תִלְמַד? מַה תַּפְסִיד בָּזֶה הֲלֹא תְּקַבֵּל עוֹלָם הַבָּא עַל הַלִּמּוּד?!"**, פארוואס לערנסטו נישט? דו וועסט דאך באקומען עולם הבא פאר דיין לערנען? נאכדעם האט אים דער רבי געזאגט: **"וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר, כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ"**, און איינמאל דו וועסט זוכה זיין צו שפירן א ליבשאפט צו די תורה, וועסטו שוין נישט דארפן נישט די וועלט און נישט יענער וועלט, דו וועסט נאר וועלן לערנען נאך און נאך.

**ב)** ווער עס לערנט אויפן "סדר דרך הלימוד" דער **לערנט יעדן טאג;** ביי אים איז נישט קיין חילוק צי עס איז חול המועד צו ערב יום טוב, צי עס איז פורים צי ווען אימער, יעדער לערנט זיך זיינע שיעורים כסדרן יעדן טאג, אבער אז מען וויל נישט איינבייגן דעם קאפ פארן רבי'ן, מען וויל נישט לערנען אויפן "סדר דרך הלימוד", דעמאלט האט מען יעדן טאג אן אנדערער תירוץ; היינט איז חול המועד, מארגן איז יום טוב, נאכדעם דארף מען אוועק פאקן דעם יום טוב וכו', נאכדעם האב איך א שמחה, נאכדעם האט מיין חבר א שמחה וכו' וכו' און דערווייל גייט אריבער כמה וכמה שנים אן קיין תורה.

**ג)** אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען אויפן "סדר דרך הלימוד" פון הייליגן רבי'ן דארף מען שוין נישט קיין עצות פון קיינעם צו באקומען א געפיל צו לערנען ווייל **עס הייבט אן ציען צום לערנען.**

**ד)** אז מען לערנט אויפן "סדר דרך הלימוד" קען מען לערנען אין שטוב; מען דארף נישט קיין חברותא, נאר **מען זיצט אין שטוב און מען לערנט אויפן קול.** די ווענט ווערן אנגעזאפט מיט די זיסע גמרא ניגון, די ווענט שרייען ארויס 'דא וואוינט אן ערליכער איד', אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית יא.): **"בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ"**, די ווענט פונעם שטוב זאגן עדות וואס עס טוט זיך אין שטוב; די דאך שרייט ארויס וואס דא טוט זיך, אזוי ווי עס שטייט (חבקוק ב, יא): **"כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה"**, די קינדער וואקסן אויף מיט א טאטע וואס לערנט, די מאן ווערט חשוב אין זיין ווייבס אויגן און **אלעס טוישט זיך צום גוטן.**

ישראל דוד העסקעל


# הדרן עלך והדרך עלן





יוסי גרין הי"ו איז נישט א מענטש וואס פעלט אויס פארצושטעלן... יוסי איז פון די גרעסטע אידישע היימישע מוזיק קאמפאזירער וואס די וועלט האט נאר אמאל געזען. די לעצטע פאר יאר פארמאגט אבער דער נאמען יוסי גרין איננאנצן אן אנדערע באדייט צווישן אונז, ווען ס'איז אים באקאנט געווארן אז דער ספר'ל 'סדר דרך הלימוד' וואס האט אים געהאלטן ביים לעבן אלע יארן און דורך דעם זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס – איז געשריבן געווארן דורך אונזער רבי מוהרא"ש זצ"ל! זייט דעמאלט פילט ר' יוסל אן אויסטערלישע התקרבות צו מוהרא"ש זצ"ל.

יעצט לכבוד יום טוב שבועות ווען אלע ווילן אזוי שטארק זיך באנייען צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה און מען זיכט א וועג וויאזוי דאס צו באווייזן – טוען מיר זיך אראפזעצן מיט ר' יוסל צו הערן וויאזוי ער האט באוויזן צו ענדיגן ש"ס, און מיר האפן אז דאס וועט ברענגן חיזוק פאר נאך אידן.



**שלום עליכם ר' יוסל!**

עליכם השלום!

**ווען איז געווען אייערע ערשטע שייכות מיט היכל הקודש?**

איז אזוי... ווי ווייט איך קען געדענקען איז מיין ערשטע שייכות געווען אלס בחור. איך געדענק אלץ זעהן די ברסלב'ע בחורים - מפיצים ארומגיין מיט ריזיגע הויפענעס פון ספרים און קונטרסים, איך בין דעמאלט געווען זייער יאר-גאנג, איך געדענק אזוי טראכטנדיג צו זיך אז איך וואלט קיינמאל נישט געקענט טון אזא זאך...

איך געדענק אז רוב מענטשן פלעגן ווערן זייער נערוועז פון די מפיצים... ער זיצט אין פיצה געשעפט ער וויל זיך רואיג עסן, פלוצלינג קומט א בחור'ל און בעט צדקה און געבט א קונטרס, נישט יעדער האט עס אזוי געגליכן... אבער איך געדענק אז איך פלעג אייביג געבן צדקה, מיר האט עס נישט געשטערט... אבער די קונטרסים האבן נאך דעמאלט נישט גערעדט צו מיר...

איך געדענק אויפפאסן ווי אזוי אסאך



מאל פלעגן די מפיצים כאפן קולות און בושות פון מענטשן וואס ס'פלעגט זיי שטערן, אבער די מפיצים פלעגן קיינמאל נישט צוריק ענטפערן, נאר געבן שמייכל און גיין ווייטער... דאס געדענק איך האט געהאט אויף מיר אן אויסטערלישע השפעה!

איך געדענק ווי אזוי אנדערע פלעגן שרייען אויף די מפיצים: גיי אוועק דו שטערסט מיך און אזוי ווייטער, און איך פלעג זיי אלץ זאגן וואס שרייט איר אויף אים? אז ווילט נישט ברויכט איר נישט נעמען... די מפיצים דאס איז עפעס ספעציעל צום באוואונדערן!

**ממש געוואלדיג! אינטערעסאנט צו הערן!**
**יעצט לאמיר הערן ווען און ווי אזוי זענט איר למעשה אנגעקומען צו וויסן פון היכל הקודש? וואס האט אייך געכאפט אז איר האט מחליט געווען די ספרים און קונטרסים זענען פאר מיר געשריבן איך גיי זיך מיט דעם מחיה זיין?**

איך וועל אייך פארציילן... איך קום פאר מוהרא"ש זצ"ל א געוואלדיגע הכרת הטוב, איך האב פאר יארן לאנג נישט געוואוסט אז דער ספר'ל 'סדר דרך הלימוד' - וואס האט מיך באגלייט א גאנץ לעבן - אז דאס קומט פון מוהרא"ש זצ"ל... ווייל אין די ספרים איז נישט געשטאנען קיינמאל ווער ס'שרייבט עס און געבט דאס ארויס... איך האב בלויז געקענט דערקענען אויף דעם אז ס'קומט פון די זעלבע ספרים און קונטרסים וואס די מפיצים טיילן... ס'האבן אלע פון זיי געהאט אן ענליכע דיזיין האב איך געוואוסט אז ס'קומט פון דארט, אבער מער פון דעם האב איך נישט געוואוסט...

איז יענער תקופה האב איך געהאלטן א שטיק צייט נאך מיין חתונה, איך האב זיך געהאט געצויגן פון בארא פארק קיין סי גייט, איז מיר איין וואך אויסגעקומען צו זיין שבת אין בארא פארק.
יענעם שבת איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך בין צוריקגעקומען קיין בארא פארק נאכן נישט דארט זיין א לאנגע צייט, איך בין געווען אביסל א באקאנטער, אלס בחור פלעג איך דאווענען שבת אין די שול פון טעמעשוואארער רב רבי משה ארי' לעוו זכרונו לברכה און יעצט בין איך נאכאמאל געגאנגען דארט דאווענען, איך בין געווען עפעס זייער אומבאקוועם און איך האב זיך זייער געשעמט.

בקיצור ס'איז פרייטאג צונאכטס און איך קום אריין אין בית המדרש מיט מיין שווער ביי וועמען איך בין איינגעשטאנען און איך האב זיך אנגעהויבן שפירן אויסטערליש אומבאקוועם... איך האב געשפירט ווי יעדער קוקט אויף מיך און מעסט מיך...

צו זיי האבן מיך טאקע אנגעקוקט אדער ס'האט זיך מיך בלויז געדאכט אז מ'קוקט אויף מיך... בין איך אליין נישט קלאר... אבער דעמאלטס האב איך געשפירט ממש ווי איך וויל זיך באגראבן.

איך בין שוין דעמאלטס געווען אביסל באקאנט אלס קאמפאזיטער און מוזיקאנט און איך האב געוואוסט אז יעדער וועט מיך נאכקוקן ווי אזוי דאווענט ער און דאס גלייכן... האב איך געזוכט עפעס א וועג זיך צו קענען דיסטרעקטן פון דעם עולם... האב איך אנגעהויבן צו זוכן א ספר וואס דארט זאל איך קענען אריינקוקן, אזוי אז איך פארטיף זיך אין א ספר דארף איך נישט טראכטן און באמערקן ווער ס'קוקט אויף מיר.



**"אזוי זיכענדיג טרעף איך פלוצלינג א קליין ספר דרך הלימוד!"**

למעשה האב איך אזוי געזוכט אפאר מינוט און איך האב נישט געקענט טרעפן קיין שום ספר, גיי איך צו צו איינעם און איך פרעג אים וואו זענען אלע ספרים? וואס איז פשט א שול אן קיין ספרים?

זאגט מיך יענער יא מ'האט עפעס געדארפט רוקן די ספרים האט מען עס געלייגט צייטווייליג אין ווייבער שול אבער יעצט קען מען נישט אהינגיין, די ווייבער שול איז פארשפארט!

שוין, האב איך אנגעהויבן זוכן ביי די זייטן העכער די ספרים שענק אפשר דאך וועל איך טרעפן עפעס א ספר צו קענען אריינקוקן... אזוי זיכענדיג טרעף איך פלוצלינג א קליין ספר'ל 'סדר דרך הלימוד'!

שוין געוואלדיג, איך האב פון דעם ספר נאכנישט געהערט פון פארדעם, איך האב נישט געוואוסט וואס דאס איז, אבער איך האב זיך געפריידט אז איך האב ערגעץ וואו אריינצוקוקן דארף איך שוין נישט זיין פארנומען צו טראכטן ווער ס'קוקט אויף מיר...

אזוי הייב איך אן בלעטערן דעם ספר'ל זעה איך וואו ער רעדט דארט פון די גרויסקייט פון לערנען יעדן טאג גמרא, אפילו מ'פארשטייט נישט זאל מען בלויז זאגן די ווערטער...

נאכדעם בין איך אנגעקומען דארט צו א געוואלדיגע שטיקל וואס האט מיך ממש געכאפט! ס'שטייט דארט אז ווער ס'איז זוכה צו מאכן א סיום הש"ס אפילו אן פארשטיין די ווערטער באקומט א ספעציעלע מתנה אז אלע טויערן אין הימל מאכן זיך אויף!

געוויינטליך טראכט א מענטש, א בחור, וואס האב איך מיט ש"ס? וואו אזוי קען איך בכלל ענדיגן ש"ס? מ'איז מיואש נאך איידער מ'הייבט אן! אבער דארטן אין דעם ספר'ל איז געשטאנען אז ניין! ס'נישט דא אזא זאך! יעדער איד קען ענדיגן ש"ס! יעדער איד האט א קשר צו תורה שבעל פה מען דארף נישט ביים לערנען נאר 'זאגן' די ווערטער פון די תורה!

און דאס האט מיך זייער באנומען... און איך האב פארשטאנען פון דעם אז אפילו אן פארשטיין וואס מ'לערנט ליגט אין די ווערטער אזא גרויסע קדושה אזא אור און אזא גרויסע כח!

געווענטליך ווען א מענטש לייענט אדער הערט פון דער רבין'ס הייליגן סדר דרך הלימוד ווערט מען מבולבל פון דעם "איך"? זאגן? אזוי אן צו פארשטיין?... נעעך ס'פאסט נישט...

אבער איך האב זיך גארנישט אזוי דערשראקן פון דעם... איך בין שוין געווען דעמאלט אן עלטערער אינגערמאן פון זיבן און צוואנציג יאר, איך האב שוין געהאלטן נאך אפאר יאר נישט האבן געלערנט... האב איך געטראכט אז אויב וועל איך אנהייבן לערנען אויף דעם סדר דרך הלימוד וועל איך כאטש האבן עפעס געלערנט ווי איידער סתם אריבערגיין די יארן

**"אבער דארטן אין דעם ספר'ל איז געשטאנען אז ניין! ס'נישט דא אזא זאך! יעדער איד קען ענדיגן ש"ס!"**



ליידיג און פוסט!

היינט איז שוין דא אלע סארט פראגראמען פאר אינגעלייט זאלן קענען עפעס לערנען... ס'איז דא שיינע שיעורים און אזוי ווייטער אבער דעמאלטס אויב האט מען גענומען א חברותא האט מען אפשר געלערנט און אויב נישט... זיכער נישט...

איך האב שוין דעמאלטס געהאט עטליכע קינדער און דא שטיי איך פרייטאג צונאכטס שבת חנוכה מיט דעם קליינעם ספר'ל וואס איך האב אנגעטראפן און איך באלעק זיך די פינגער, איך קען נישט אראפלייגן דאס ספר'ל פאר א סעקונדע אפילו! אזוי ביז נאכן דאווענען האב איך געענדיגט דעם ספר!

נאכן דאווענען אויפן וועג אהיים האב איך געשפירט ווי עפעס אין מיר וועקט זיך אויף... איך הייב אן טראכטן צו מיר "יוסי, ביזט זיבן און צוואנציג יאר אלט, האסט חתונה געהאט ביי די צוויי און צוואנציג, האסט שוין היינט צוויי קינדערלעך, דו האלטסט זיך פאר איינער וואס האט א שייכות מיט די תורה..." אין ישיבה פלעג איך זייער שטארק ליב האבן צו לערנען למדנות'דיג דורכהאקן שטארקע סגיות...

איך האב אלץ פארשטאנען לערנען אבער נאך די חתונה האב איך אלץ געשפירט אז יעצט איז נישט די ריכטיגע צייט... אמאל וועט נאך קומען די צייט... אזוי איז עס, א מענטש דמיון'ט ווען ער איז אינג אז ער דארף נאר יעצט אביסל ארבעטן און מאכן פרנסה כדי זיך אוועקצושטעלן, און

שפעטער וועט ער שוין לערנען... ס'דאך
אבער נישט אזוי, א מענטש ווערט
קיינמאל נישט זאט... אזוי ווי די משנה
אין אבות זאגט "אל תאמר לכשאפנה
אשנה שמא לא תפנה"...

אבער נאכן ליינען דעם ספר האב איך
געטראכט צו זיך אז אויב טו איך נישט
וועגן דעם א פעולה נאך היינט נאכט,
קען איך אזוי חלילה דורך גיין נאך
צוואנציג יאר אן עפענען א אידיש
ספר!!!

איך טראכט צו זיך אז דאס איז עס! איך
הייב אן פון יעצט! ווער האט נישט
אנגעהויבן הונדערט מאל מסכת ברכות
אויף צו לערנען ש"ס? איינער האט
אויפגעגעבן ביי די צווייטע פרק א
צווייטער ביי די דריטע... איר ווייסט
דאך ווי אזוי ס'גייט...

און נאכדעם קומט סוכות טראכט א
מענטש צו זיך שוין יעצט וועל איך
אנהייבן מסכת סוכה און פון דארט וועל
איך שוין ווייטער פארן מיט ש"ס
כסדרן... אבער ליידער ווייסט איר דאך
אז רוב רובם געבן גלייך אויף...

איך בין אויפן וועג אהיים פון שול יענער
פרייטאג צונאכטס שבת חנוכה און נאכן
מאכן דעם החלטה אז שוין היינט נאכט
הייב איך אן לערנען אויפן סדר דרך
הלימוד. ווען קיינער גייט נישט
באמערקן שווערץ איך זיך אריין אין
ספרים צימער און איך גיי אנהייבן ש"ס!
אזוי פיל שכל האב איך דעמאלטס
געהאט צו וויסן אז איך זאל קיינעם
נישט פארציילן וועגן דעם... ווייל די
גוטע אידן זענען דאך אלע יארן
געווען... איך האב געוואוסט אז אויב גיי
איך איינעם זאגן וועט מען מיר סתם

„ווער האט נישט אנגעהויבן הונדערט מאל מסכת ברכות אויף צו לערנען ש"ס..."



אפרעדן פון דעם... מע נע וואס
מאכסטו זיך נאריש... מ'האט נישט
געהאלטן פון דעם... וואס קענסטו
נישט זיין נארמאל... גיי צו א גמראי
שיעור... גיי דא, פרוביר דאס...
איך האב אבער ליידער צו גוט
געוואוסט וואס די סוף וועט זיין...
אדער דעם סדר דרך הלימוד אדער
וועל איך שוין קיין ספר מער נישט
עפענען ה"י...
איך האב שוין געהאלטן נאך אלעס
פרובירן דעמאלטס... איך פלעג
אנפאנגען און נישט פארשטיין נישט
קענען מיטהאלטן... איך פלעג יעדעס
מאל אריינפאלן אין א יאוש, אבער מיט
דעם נייעם וועג, האב איך געוואוסט אז
איך קען יא מצליח זיין!

אזוי טרעף איך מיך זיצן נאכן סעודה
מיטן גרויסן ברייטן גמרא מסכת ברכות
און איך טראכט צו זיך וואס איז די
מינימום וואס איך קען זיך פארנעמען
צו לערנען יעדן טאג יעבור עלי מה! איך
האב זיך נישט געוואלט געבן קיין שום
תירוץ אז מארגן זאל איך נישט קענען
ווייטער גיין...

האב איך מחליט געווען דעמאלט אז א
האלבע שעה דאס וועל איך קענען
אויספירן יעדן טאג! איך האב געמאכט
דעם חשבון אז איך קען לערנען צוויי
מאל פופצן מינוט, דריי מאל צען מינוט
איך קען אפילו לערנען דא צוואנציג
מינוט און נאכדעם צוויי מאל פינף
מינוט...

אזוי האב איך נישט קיין תירוץ
פארוואס איך זאל עס נישט קענען יעדן
טאג אויספירן... די איינציגסטע תירוץ
קען נאר זיין ווייל איך פארשטיי נישט...
יעצט אבער מיטן הייליגן סדר דרך

הלימוד דארף איך שוין נישט אלעס פארשטיין איך קען פלעין און פשוט לערנען...

אזוי האב איך טאקע יענע נאכט אנגעהויבן די משנה "מאמתי קורין את שמע..." און זייט דעמאלסט שוין אן ערך פערציג יאר האב איך קיין איין טאג נישט פארפאסט צו לערנען א בלאט גמרא ברוך השם!!!
אן אינטערעסאנטע זאך וויל איך נאר אנמערקן אז ווען איך בין אנגעקומען צו די גמרא דף ז' אין מסכת ברכות פון תניא אמר ר' ישמעאל בן אלישע אז דער אייבערשטער האט אים געבעטן יום כיפור אין קדשי קדשים ישמעאל בני ברכני - בענטש מיך... איך האב פארפאסט אויף די ווערטער זייער א פאפולערער ניגון, רוב עולם קען עס מסתמא... אבער איך טראכט צו זיך וויפיל אידן זענען נישט אנגעקומען ביז דף ז' אין ברכות? יעדער האט שוין זיכער געלערנט דעם שטיקעלע גמרא אבער איך האב געשפירט אז איך האב באקומען א מתנה דורכן לערנען אויפן סדר דרך הלימוד - אז ס'איז אריין אין מיר, איך האב עס פארשטאנען, נישט יעדער שטעלט זיך אפ ביי דעם שטיקעלע אבער מיר האט עס געכאפט איך בין נשתומם געווארן פון דעם גמרא, ר' ישמעאל בן אלישע גייט אריין יום כיפור אין קדשי קדשים און ער זעט א חזיון כביכול ווי דער אייבערשטער זיצט אויפן כסא הכבוד און זאגט אים מיין קינד בענטש מיך!!!

אזוי איז ארויסגעקומען פון דעם דער ניגון און דער ניגון האט געטון אסאך גוטס אויף דער וועלט ברוך השם... און איך האב אלץ געשפירט אז די זכות פון דעם ניגון קומט נאך דעם ערשטן מאל

**"ווען קיינער גייט נישט באמערקן שווערץ איך זיך אריין אין ספרים צימער און איך גיי אנהייבן!"**




וואס איך אנגעהויבן לערנען אויפן סדר דרך הלימוד.

אזוי האט דער אייבערשטער געהאלפן, ס'איז אריבער צוויי און דרייסיג יאר און איך האב געמאכט א צוויפאכיגער סיום הש"ס!!! ווייל פרייטאג, שבת און זונטאג פלעג איך מאכן חזרה אויף די בלעטער וואס איך האב געלערנט במשך די וואך! ס'האט מיך גענומען טאקע פיר מאל אזוי לאנג פון די מחזור דף היומי וואס נעמט זיבן אהאלב יאר אבער ווען איך האב געענדיגט האב איך געענדיגט צוויי מאל! איך האב אפגעמאכט א איך לערן אויף מיין סדר זאל זיין וואס זאל זיין, איך קוק נישט אויף אנדערע!

איך וויל נאר איין זאך צולייגן - די אלע וואס אין אנהויב האבן מיר געטשעפעט אז מע ס'הייסט נישט געלערנט, מ'דארף נעמען א מסכתא מיט א חברותא.... די אלע חברה האבן נישט אנגעהאלטן זייער חברותות.... און זיי טרעפן מיר דריי פיר יאר שפעטער און פרעגן מיר נא? די האלבע שעה גייט נאך אן? און איך קען זיי ענטפערן שטאלץ מיט א שמייכל פון באק צו באק יא! איך האב קיין איין טאג נישט פארפאסט צו לערנען ברוך השם!

איך פרעג יענעם צוריק נא וואס איז געווארן מיט דיין שיעור מיט דיין חברותא? זאגן זיי מיר אלע מיט די זעלבע נוסח מער וויניגער... איך וועל דיר זאגן דעם אמת ס'האט זיך נישט גוט געענדיגט...

ס'איז געווען איין ליל שישי ווען אין בין געווען דריי און פערציג יאר אלט און איך האב געהאלטן גראד נאכן לערנען, און ארויפגייענדיג די שטיגן ביי מיר

אינדערהיים האב געכאפט נישט מער געדאכט א שווערע הארץ אטאקע לא עלינו! מ'האט מיך דעמאלטס ארייגעפירט אין שפיטאל פארשטייט זיך...

איך געדענק צוועלף אזייגער פרייטאג האט מען מיך אויפגעוועקט אין די איי סי יו, ארומגענומען מיט אלע מאשינען און טובס נישט מער געדאכט... און אזוי ווי איך עפן מיינע אויגן זע איך א גמרא העכער מיין קאפ! נאך פאר איך האב געוואוסט אויף וועלכע וועלט איך בין, האט מיין אשת חיל א נעם געטון מיין גמרא און עס געהאלטן העכער מיין קאפ און זי פרעגט מיר: "גייען מיר היינט פארפאסן א טאג לימוד התורה?"

איך קוק ארויף איך זע די גמרא, און איך הייב אן צו שמייכלען... איך זאג איר איך שטעל זיך פאר אז נישט... אזוי דער אייבערשטער מיר געהאלפן מיט גרויס סייעתא דשמיא אז איך האב אייביג מקפיד געווען נישט דורך צו לאזן א טאג אן לימוד התורה האב איך זוכה געווען אפילו דעמאלט נישט צו פארפאסן מיין שיעור אין ש"ס!

**פשששיהא זייער אינטערעסאנט צו הערן. אבער למעשה וויאזוי קען מען סיי ארבעטן שווער א גאנצן טאג על המחיה ועל הכלכלה און סיי זוכה זיין צו לערנען יעדן טאג און ענדיגן ש"ס?**

זיכער קען מען ביידע; חוץ פון דעם וואס איך מאך ניגונים ברוך השם, און איך בין פארנומען מיט דעם אסאך צייט, האב איך אויך אנדערע ביזנעסער. עם כל זה מאכט מען צייט יעדן טאג צו לערנען, ווייל אן דעם קען מען נישט לעבן. און ביים סוף איז מען זוכה צו זיין א ש"ס איד!

איך געדענק נאך צוויי און דרייסיג יאר וואס איך האב זוכה געווען צו קענען מאכן דעם סיום הש"ס האב איך דעמאלט געמאכט גאר א רייכע סיום אין די טייערסטע רעסטוראנט אין מאנהעטן, איך האב אפגעדונגען דעם גאנצן פלאץ נאר פאר דעם סיום, מ'האט געברענגט טייערע כלי זמר, און איך האב גערופן אלע וואס האבן גענומען חיזוק פון מיין לערנען און אלע וואס האבן אויך א דאנק מיר אנגעהויבן צו לערנען, זאלן זיי אלע זען די גרויס כבוד און שמחה אז מ'איז זוכה מסיים צו זיין ש"ס!

> „אויב געדענקט איך גארנישט איז וואס איז די גאנצע תכלית פון אזא מין לערנען?!"

אבער מיין גרעסטע כבוד דארט איז געווען ווען אלע מיינע קינדער האבן פון זיך אליין זיך אויפגעשטעלט רעדן און פרובירט מסביר צו זיין פאר דעם עולם וואס דאס מיינט אויפצוואקסן אין א שטוב וואס תורה איז די הויפט פריאריטעט!



יעצט ווען איך לערן שוין דעם דריטן מאל ש"ס לערן איך יא אביסל שטייטער און איך האב זיך אנגעהויבן מחי' צו זיין מיט רש"י,

און איך האב שוין נישט אזוי מורא פון תוספות... ס'נישט דא נאך אזא גוטע טעם אויף דער וועלט! מענטשן פרעגן מיר אסאך מאל אויב קענסטו צוריקגיין אלע דורות טרעפן איינעם וועמען וואלטסטו געוואלט טרעפן? זאג איך אן קיין שום שאלה רש"י הקדוש! איך וואלט געוואלט שטיין דארט ביים פענסטער און זען ווי אזוי רש"י שרייב זיין אויסטערלישע פירוש אויף ש"ס!

איך מוז אויך דערמאנען אז איינע פון די

זאכן וואס האבן מיר געגעבן שטארק חשק צו דורכלערנען גאנץ ש"ס איז דאס וואס ווערט געברענגט אין שיחות הר"ן אז ווען א מענטש קומט ארויף אויף יענער וועלט קען ער שוין נישט לערנען קיין נייע זאכן נאר דאס וואס ער האט געלערנט בזה העולם!

און אז דער מענטש לערנט אויף דער וועלט אפילו אן פארשטיין אפילו נאר זאגן די ווערטער... אויבן אויף יענער וועלט וועט שוין די נשמה פארשטיין! נשמות האבן נישט קיין דיסעבילעטיס, נשמות זענען נישט לערנונג דיסעבעלד...

**זייער שיין! וואס האט אייך למעשה געגעבן די כח אנצוגיין יעדן טאג צו לערנען אפילו אן פארשטיין פאר אזויפיל יאר?**

איך האב געוואוסט אז צו קענען האבן שייכות מיט די תורה צו קענען זיין א תורה'דיגע איד מוז איך יעדע פיר און צוואנציג שעה עפענען א ספר!!!

**לעצטענס האט איר ארויס געגעבן א הערליכן ניגון אויף די ווערטער פון שיחות הר"ן סימן ע"ו וואס דער הייליגער רבי שרייבט דארט די ווערט וויאזוי יעדער קען זוכה זיין צו לערנען, וואס קענט איר פארציילן וועגן דעם?**

פאר א לאנגע צייט האב איך נישט געוויסט אז די סדר דרך הלימוד קומט ארגינעל פון שיחות הר"ן סימן ע"ו, ביז לעצטענס ווען איך בין געווואר געווארן פון דעם, האב איך טאקע גוט דורכגעלערנט דעם שיחה, און זייער הנאה געהאט צו טרעפן דעם גאנצן סדר הלימוד אין דעם שיחה.

**"איך האב געוואוסט אז צו קענען האבן שייכות מיט די תורה צו קענען זיין א תורה'דיגע איד מוז איך יעדער פיר און צוואנציג שעה עפענען א ספר!!!"**



נאכן לערנען דעם שיחה האב איך מיר אראפגעזעצט זען אויב מען קען אויף דעם מאכן א ניגון, ווייל די שיחה איז בעצם א גרויסע לאנגע שיחה, און צו מאכן א ניגון אויף דעם איז נישט געווען גרינג, אבער ברוך השם די ניגון איז ארויסגעקומען הערליך שיין. אויף פאר די ניגון הייבט זיך אן האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט א הקדמה, וואס דאס גיט שטארק צו צום ניגון, און ברוך השם טויזענטער אידן האבן שוין געהערט דעם ניגון און זיך אויפגעוועקט פון שלאף אז זיי קענען אויך זוכה זיין צו לערנען יעדן טאג. שפעטער האב איך געהערט אז דער ראש ישיבה האט שוין לאנג געוואלט מאכן א ניגון אויף דעם שיחה, אבער עס איז נישט צושטאנד געקומען, און ברוך השם אז מען האט עס דא געקענט ארויסברענגען מכח אל הפועל.

**א גרויסן יישר כח פאר אייערע טייערע צייט דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זוכה זיין צו קענען נאכאמאל און נאכאמאל דורך לערנען ש"ס און כל התורה כולה, און ווייטער מזכה זיין אנדערע אידן זאלן אויך קענען אנהייבן לערנען אויפן סדר דרך הלימוד און שפירן דעם זיסן טעם פון די תורה!**

**צו הערן דעם רעקארדירונג פונעם אינטערוויו מיט ר' יוסל רופא אריין**
**קול ברסלב 4 - 2 - 4 - 1 - 212-444-9191**

ועד
כתיבת ספר תורה
לע"נ מרן מוהרא"ש זי"ע
ע"י קהל אנשי שלומנו
חסידי ברסלב תלמידי היכל הקודש
ועתה כתבו לכם את השירה הזאת

# אפדעיט!

ב"ה מיר שטייען גאר נאנט
צו פארענדיגען די ספר תורה

## לע"נ מוהרא"ש זצ"ל

## די סופר האלט שוין ביים פארענדיגען פרשת "ואתחנן"

# געציילטע זכותים פארבליבען

## האנדלט אייך איין א אייביגע זכות:

פאר**בינדט** אייך מיט שבתי מארקוס 3477359688

פרשה
$1200

עמוד
$500

# דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו

"איך האף אז אלע אנשי שלומינו וועלן נעמען א חלק אין די מצוה פון כתיבת ספר תורה, דער רבי זאגט (ספר המדות אות ממון, סימן לו): לִכְתֹּב סֵפֶר תּוֹרָה מְסֻגָּל לְפַרְנָסָה שרייבן א ספר תורה איז מסוגל צו ווערן רייך"



# א מעשה
## פון א צדיק

### אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלוֹקֶת, מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדֶפְ'ט פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט.

צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע הָאט מֶען אָנְגֶעזָאגְט דֶעם מִקְוָה אִיד אַז עֶר זָאל בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט אַרַיין לָאזְן רֶבִּי נָתָן אִין מִקְוָה. דֶער מִקְוָה אִיד הָאט אָבֶּער יָא גֶעוִוּיסְט וֶוער רֶבִּי נָתָן אִיז, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר וֶועט אִים עֶפֶענֶען דִי מִקְוָה שְׁטִילֶערְהֵייט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט וֶוען יֶעדֶער שְׁלָאפְט, אַזוֹי וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן דֶערְפוּן.


א מקוה

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן; נַאכְט נָאךְ נַאכְט פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן קוּמֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אִין מִקְוָה, אַזוֹי הָאט עֶס אָנְגֶעהַאלְטְן בִּיז מֶען אִיז גֶעווָאוֹיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, מֶען הָאט אִים נָאכְגֶעקוּקְט אוּן מֶען הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר עֶפְנְט אוֹיף שְׁטִילֶערְהֵייט דִי מִקְוָה פַאר רֶבִּי נָתָן.

דֶער מִקְוָה אִיד הָאט גֶעווָאוֹינְט הֶעכֶער דֶעם מִקְוָה אוּן אַזוֹי וִוי מֶען אִיז גֶעווָאוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶר לָאזְט רֶבִּי נָתָן גֵיין אִין מִקְוָה הָאט מֶען אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אִינֶעם קַאלְטְן וִוינְטֶער מִיט זַיין וַוייבּ אִין צְוֵויי קִינְדֶער.

אִיז עֶר גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּ רֶבִּי נָתָן: "הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין דַאךְ אִיבֶּער'ן קָאפּ פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַלֶעס וֶועגְן אַייךְ!" הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "גֶעלְט קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעבְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַאר מִיר אַלֵיינְס אוֹיךְ נִישְׁט, נָאר וָואס יָא, גִיבּ מִיר דַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער אוּן אִיךְ וֶועל מִיט זֵיי לֶערְנֶען".

וְכָךְ הַוָה, רֶבִּי נָתָן הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט אוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעוָואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים.

(עצתו אמונה בהעלותך תשע"ט)

# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- ל״ג -**

**פארזעצונג פון פריער:** אַלְס יוּנְגֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן דֶערְפוּן. וֶוען דִי גֶעלְט פוּנֶעם נַדְן אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן זֵייעֶר אָרֶעם, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְט אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן.

***

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעוַוארְט גֶעדוּלְדִיג, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, וָואלְט עֶר שׁוֹין זִיכֶער אַרוּמְגֶעפָארְן אִיבֶּער דִי שְׁטֶעט אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן פִילֶע מֶענְטְשְׁן וָואס פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן צוּ זוּכְן פַּרְנָסָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם וָואס סְ׳מַאכְט זִיךְ בַּיי יֶעדְן צוּמָאל אַז סְ׳פֶעלְט זַאכְן אִין שְׁטוּב, מְ׳דַארְף הָאבְּן מֶער פַּרְנָסָה, קְלֵיידֶער, אוּן אַנְדֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן; טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז אַז מְ׳מוּז שׁוֹין הָאבְּן גְלַייךְ אוֹיף דִי מִינוּט אַלֶעס וָואס מְ׳דַארְף, נָאר מְ׳זָאל וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד, הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָחוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט אָן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פֶעלְט עֶפֶּעס, אֵיינֶער אִיז אַן אָרֶעמַאן, מִיט קְלֵיינֶע הַשָּׂגוֹת, פֶעלְט אִים אַ פָּשׁוּטֶער נֵייעֶר בֶּגֶד אָנְצוּטוּן, וְוידֶער אִיז דָא אַ צְוֵוייטֶער מִיט גְרֶעסֶערֶע הַשָּׂגוֹת, וָואס פַאר אִים פֶעלְט שׁוֹין גָאר אַ טֵייעֶרֶער מַאנְטְל, סְ׳פֶעלְט אִים אַ טֵייעֶרֶע רַייכֶע הוֹיז. יֶעדֶער וְויל דָאךְ אַלְץ הָאבְּן מֶער פוּן וְויפִיל עֶר הָאט יֶעצְט. דַארְף מֶען וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אַז מְ׳מוּז עֶס שׁוֹין יֶעצְט בַּאקוּמֶען, אוּן גֵיין זִיךְ אָנְבָּארְגְן גֶעלְט פַאר דֶעם, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען דַארְפְן אַרוּמְפָארְן זוּכְן גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת.

דֶערִיבֶּער אִיז עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ וַוארְטְן מִיט בִּטָחוֹן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים הֶעלְפְן.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעמָאלְט מִיט פַּרְנָסָה, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן טִירְדוֹת, נָאר עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים שׁוֹין צוּגֶעשִׁיקְט פַּרְנָסָה יֶעדֶעס מָאל מִיט אַנְדֶערֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶועגְן.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן פְּלֶענֶער אִין יֶענֶע תְּקוּפָה, דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וְויל בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט וֶוערְן מְפוּרְסָם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעהַאט פַארְשִׁידֶענֶע פְּלֶענֶער וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט דָאס אוֹיסְפִירְן, וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה.

צוּמָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וֶוערְן אַ בֶּעטְלֶער אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיף דִי הַייזֶער, אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט וִויסְן פוּן אִים.



בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט. נָאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן זַ״ל, דֶער עֶרְשְׁטֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי׳ן, הָאט גֶעוואוּסְט פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס גְרוֹיסְקֵייט, אוּן עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן פוּן צַייט צוּ צַייט.

דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעפִירְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען דֶעם רֶבִּינְ׳ס שְׁוֶוער, רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ״ל, הָאט גֶעהַאט יָארְצַייט נָאךְ זַיין טַאטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם דָארְף אַלֶכְּסַנְדֶערִיוְוקֶע, וָואס אִיז נֶעבְּן אוֹסְיַאטִין, אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אַהִין.

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דָארְט אִין שׁוּל, אוּן דִי אִינְגֶעלַייט דָארְט הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי׳ן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן עֶר אִיז זֵיי זֵייעֶר גֶעפָאלְן, הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִיטְ׳ן פָּנִים צוּם וַואנְט אוּן נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַדִּיק״**

# שבועות אין שטעטל

## (חלק א')





ישראל דוד העסקעל

**די** שמחה איז גרויס! איך וויים נישט אויב די ווארט 'גרויס' ברענגט ארויס די פילינג ריכטיג... איך וויים נישט אויב די אידישע שפראך פארמאגט בכלל א ווארט צו זיך קענען ריכטיג ארויסברענגען די הרגשים...

מיר פארן אויף שבועות אין שטעטל! ניין ס'איז נישט געווען אויסגעפלאנט חדשים פריער, איך האב אפילו נישט געטראכט פון דעם... ביז עטליכע וואכן פאר שבועות פרעגט מיר מיין אשת חיל אזוי אגב'דיג אפשר פארן מיר אויף שבועות אין שטעטל?

מער האט מיר נישט אויסגעפעלט, וואס איז די שאלה, זיכער לאמיר פארן! מיר האבן אויסגעארבעט וועלכע טעג גייען אויסקומען די בעסטע פאר אונז צו פארן, איך האב זיך פארבונדן מיטן טרעוול אגענט און ס'איז מיטן אייבערשטנ'ס הילף געווארן א מציאות מיר פארן אויף שבועות אין שטעטל!

איך מוז מודה זיין אז די ספירה ציילן יענער נאכט האט געהאט איינגאנצן אן אנדערע טעם... איך צייל די טעג צום הייליגן יום טוב שבועות צו קבלת התורה אבער דאס יאר וועל איך מיטן אייבערשטנ'ס הילף זוכה זיין צו קענען זיין אין שטעטל. ס'שפירט זיך כחלום



יעוף איך וועל קענען פראווען דעם יום טוב אין א שטאט פון אנשי שלומינו, שפאצירן אויף די גאסן וואס זענען אנגעזאפט מיט תפילה והתבודדות, קענען זיין במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א. איך האב שיעור אנגעהויבן צו טאנצן אין בית המדרש... אבער איך האב זיך שנעל געכאפט אז מיין מנין מעריב איז אין א שול פון נארמאלע מענטשן...האב איך זיך געהאלטן אין די גלייזן...

אויב גיי איך אנהייבן צו באשרייבן מיין "שבועות אין שטעטל" מוז איך דאך זיכער קודם אנהייבן מיט א מעשה פון תפילה...

נאך וואס איך האב באשטעלט די טיקעטס בין איך אהיים געגאנגען און בודק געווען אלע פאספארטן זיכער צו מאכן אז מ'קען טאקע פליען אז אלע




זענען גילטיג. האב איך טאקע געזען אז מיין פאספארט גייט שוין עקספייערן קומענדיגן חודש אוגוסט.

איך קען זיך נישט אזוי גוט אויס מיט אלע חוקים ומשפטים בנוגע פאספארטן, אבער עפעס האב איך אמאל געדענקט אז א פאספארט וואס איז אין די זעקס חדשים איידער ס'גייט עקספייערן קען מען שוין נישט מיט דעם פליען...

איך זוך זיך נישט קיין צרות, איך מאך א שנעלע חשבון אז ס'לוינט נישט איינצושטעלן, איך גיי מאכן אן אפוינטמענט ביי די אמעריקאנער אמבאסאדע. די וועג ווי ס'ארבעט מיט פאספארטן ביי די אמבאסאדע איז - אז אויב האסטו א טיקעט אז די גייסט פליען אין די קומענדיגע פאר וואכן קענסטו קומען צו די עמבעסי מיט אן אפוינטמענט און זיי וועלן דיר מאכן א צייטווייליגע פאספארט וואס איז נאר גילטיג פאר א יאר, ס'קאסט הונדערט צוואנציג דאלער און אין דעם יאר קענסטו אפלייען פאר א געהעריגע פאספארט בחנם. א געהעריגע פאספארט קען נעמען ביז אכט וואכן ביז דו באקומסט עס, און איך וויל נישט נעמען קיין שום טשאנסן פון דארפן בלייבן שטעקן... האב איך געמאכט דעם אפוינטמענט פאר די צייטווייליגע פאספארט.

איך האב אבער גוט געדענקט וואס אזא אפוינטמענט מיינט פון לעצטע מאל וואס איך בין געווען אין דער עמבעסי' צו מאכן א פאספארט פאר מיין זון... ס'האט גענומען בלי גוזמא עטליכע שעה!

קודם די וועג אליינס נעמט א שעה מיט זיצן אין טרעפיק ביידע וועגן, און נאכדעם ווען מ'קומט שוין ענדליך אן איז דא א שורה אינדרויסן פאר סעקיורעטי (אזוי ווי אין עירפארט) וואס ציט זיך א האלבע גאס, און ווען מ'קומט שוין ענדליך אריין אינעם בנין ארבעט עס אז מ'באקומט א נאמבער, און מ'זעצט זיך ווארטן מיט נאך צענדליגע מענטשן אין א ריזיגע ווארט זאל.

דארט איז דא עטליכע סטעידשעס וואס מ'דארף אריבער גיין, יעדעס מאל דארפסטו ווארטן ביז זיי רופן אויס דיין נאמבער, קודם נעמען זיי די אפליקאציע, און נאכדעם זעצט מען זיך צוריק אוועק און מ'ווארט נאכאמאל, נאכדעם רופט דיר א צווייטער, ער טשעקט עפעס אנדערש, און נאכדעם זעצט מען זיך נאכאמאל ווארטן. אזוי גייט עס פיר פינף מאל, אזוי ביז מ'קען זיך זען אינדרויסן קען רואיגערהייט נעמען דריי שעה!

מיין אפוינטמענט איז געווען אכט דרייסיג צופרי'. איך האב גוט געוואוסט וואס מיינט אזא שפיל און שוין פון א נאכט פריער האב איך זיך העפטיג גענומען בעטן דעם אייבערשטן "הייליגע באשעפער איך האב א טאג ארבעט העלף מיר איך זאל קענען גיין אריין אין ארויס געשמאקערהייט"!

איך האב גאנץ גוט געוואוסט אז בדרך הטבע איז עס נישט מעגליך, אבער וואס האט דער אייבערשטער מיטן דרך הטבע? איך האב געבעטן ביים אייבערשטן מאך מיר א נס, איך האב גאנץ ווייניק חשק צו פארברענגען מיין גאנצן טאג אין עמבעסי'...

דעם נעקסטן טאג בין איך אויפגעשטאנען פרי, געגאנגען אין מקוה און געגאנגען דאווענען אין דעם ערשטן מנין. נאכן דאווענען האב איך גענומען א בינטל ספרים און געמאכט א שנעלע חשבון, יום תהילים, ח"י פרקים, זיבן דפים, דף גמרא. איך האב מיך צוזאם געפאקט א האלבע ספרים שאפע... און איך האב זיך





ארויסגעלאזט אין וועג.

דעם גאנצען וועג בעה איך דעם אייבערשטן "הייליגע באשעפער העלף מיר עס זאל גיין געשמירט אריין און ארויס". ביז ענדליך בין איך אנגעקומען אינדרויסן פונעם עמבעסי נאך בערך א שעה. איך פארק מיין קאר איך נעם מיינע ספרים און פאפירן און איך שטעל זיך אין די רייע.

שוין זע איך ווי מיינע תפילות ארבעטן, ס'נאר געווען צוויי מענטשן פארנט פון מיר אין די שורה, איך בין אדורך סעקיורעטי אלעס איז אריבער געשמירט. איך שטעל זיך אין די נעקסטע שורה צו באקומען מיין נאמבער און איך גיי ארויף אויבן צום ווארט זאל.

איך הייב אן דעם יום תהילים און מיט א האלבע אויער פראביר איך צו האלטן קאפ ווען זיי גייען אויסרופן מיין



נאמבער... שוין געענדיגט דעם יום תהילים איך האב געהאלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן העלף מיך עס זאל גיין אריין און ארויס, איך וויל נישט דארפן דא אפזיצן שעות אויף שעות...

איך האלט אינמיטן דעם צווייטן פרק משניות און דער בעלל געבט זיך א צוקלינג און ער רופט אויס מיין נאמבער! איך מאך צו דעם משניות'ל און איך גיי צו דעם ערשטן דעסק.

איך הייב אן אויספאקן אלע מיינע פאפירן איך געב מיינע פאספארט פיקטשערס מיט די שוין אויסגעפולטע אפליקעישאן מיין אלטע פאספארט מיין סאושעל... ער נעמט אלע מיינע זאכן און הייבט אן דורכגיין די אפליקעישן, יא אלעס שטימט, ער סטעיפלט צו די פיקטשער, ער געבט עפעס א קאטשקע אויף די אנדערע זייט...

ער פרעגט מיר אויב איך וועל דארפן אן עמערדשענסי פאספארט, זאג איך יא! איך פלי אין צוויי וואכן ארום מיטן אייבערשטנ'ס הילף, און איך גיי דארפן האבן אן עמערדשענסי פאספארט. קיין פראבלעם זאגט ער... ער נעמט מיין אלטע פאספארט און סקענט עס, נאכדעם נעמט ער עס אין די בעק אין עפעס א צימער... ער קומט צוריק מיט מאדנע פאקסן אויף זיין פנים און זאגט מיר: די ווייסט אז דיין אלטע פאספארט איז נאך גילטיג א יאר א האלב?

וואאאאאס?

ס'עקספייערט דאך אין אוגוסט נאך אפאר חדשים ווי אזוי קען זיין אז ס'איז גילטיג אזוי לאנג?

זאגט ער מיר מיט א שמייכל "ס'עקספייערט טאקע אויגוסט אבער נישט דעם יאר נאר נעקסטע יאר דו קענסט נאך רואיגערהייט פליען מיט דעם.."

איך נעם אלע מיינע זאכן און איך ווענד מיינע טריט גראד צום עקזיט! שכוח אייבערשטער אריין און ארויס! אונטער צוואנציג מינוט די גאנצע מעשה!

יענע נאכט האב איך מחליט געווען איך גיי זאגן פאר מיינע קינדער אז מיר גייען פארן פאר שבועות קיין אמעריקע!

בעצם האב איך געטראכט אז איך גיי זיי מאכן ארבעטן פאר דעם, אבער אזעלכע וואוילע קינדער כ'האב נישט געהאט עכט וואס צו פארלאנגען פון זיי... איך זעץ זיך מיט זיי אויפן קאוטש און איך זאג זיי "איך האב א מורא'דיגע סורפרייז פאר ווער ס'גייט זיין זייער וואויל און שיין פאלגן טאטי און מאמי..."

מיינע קינדער האבן אנגעהויבן טאנצן א סורפרייז וואס קען עס זיין? א קענדי? ניין עפעס אסאך בעסער! א טוי? ניין סך סך בעסער! מיר גייען פארן אויף



שבועות קיין אמעריקע!!!

מיינע קינדער א פינף יעריגע און א דריי יעריגע קוקן מיר אן כאילו איך בין אראפ פון די לבנה זיי זאגן גארנישט זיי קוקן פלעין אויף מיך... איך דריי זיך אויס צו מיין גרויסער אינגל און איך פרעג אים "ביזט פריילך צו פארן אויף א עראפלאן קיין אמעריקע?" זאגט ער מיר אינגאנצן אנטוישט ניין! איך וויל ענדערש בלייבן דא! איך האב ליב אונזער הויז!

איך געב מיך א כאפ, איין מינוט, דאס איז דאך אזא שיינע לימוד פאר אונז! ער ווייסט נישט וואס מיינט פארן אין צווי וואכן ארום קיין אמעריקע... ער זעט עס נישט ער פארשטייט עס נישט, זיין מח איז צו קליין צו פארשטיין אזא גרויסע זאך... ענדערש וויל ער א קענדי, דאס זעט ער, דאס פארשטייט ער, דאס קען ער יעצט ענדשויען...

די זעלבע האב איך געטראכט איז מיט אונז; מיר הערן פון גרויסע ריזיגע עבודות פון צדיקים, שעות דאווענען, סיגופים, גרויסע ריזיגע עבודות, אבער מיר זענען צו פשוט, צו קליין צו קענען פארשטיין צו דעם... דא אין היכל הקודש ביי דער ראש ישיבה טיילט מען קענדים, עפן א סידור, דאווען מיט מנין, ס'האט דאך אלע טעמים תמימות ופשיטות... דעם דרך הלימוד עפן א גמרא, עפן א משניות, זאג די ווערטער, אהההה מעין עולם הבא!!!

**טאקע קליינע צוקערלעך, אבער זיי זענען אויסגעשטעלט אויף א וועג ארויף דעם לייטער, וואס ברענגען אונז צו די העכסטע מדריגות פון די גרעסטע צדיקים.**



# משה
# דרייווט
# א נעווו



## און איך...

פאר די
ברסלב'ע
שטוב

מ. פאפנהיים

# איך האב
## עס ליב



דו האסט אפשר צו בארגן א גלאז מילך?

איין מינוט... לאמיר געבן א קוק. יא, איך האב א גאנצע באטל, אויך גוט?

מיין שכנ'טע האט אויסגעזען זייער צופרידן, "אסאך בעסער, עס וועט מיר זיין גרינגער עס אפצוגעבן". זי נעמט איבער די פלעשל פון מיר, אבער יאגט זיך בכלל נישט אהיימצוגיין.

"דו מוזט הערן וואס איך האב נעכטן געהאט!".

איך כאפ א בליק אויפן זייגער. נו, נו, איך האב אביסל צייט, עס הערט זיך אינטערעסאנט...

"הערסטו" - זי לאנט זיך אן אויפן וואנט צווישן אונזערע טירן - איך בין נעכטן געפארן קיין מירון, ווייסט דאך, מיט קליינע קינדער איז זייער שווער צו פארן ל"ג

<<<<<

בעומר, און נעכטן ערב ראש חודש סיון איז געווען באסעס פון מהדרין, האב איך זיך מיטגעכאפט. פארנט פון מיר זענען געזעצן צוויי מיידלעך, א גאנצע וועג האבן זיי נישט פארמאכט דאס מויל.

איינער האט אראפגעלייגט פאר די צווייטע די אויספלוג וואס זיי האבן געהאט, דו מוזט עס הערן. זיי זענען געפארן קיין אשדוד און זענען אריין אין פארט. ס'איז א גאנצע פראצעדור צו האבן ערלויבעניש ארייצוגיין, זי האט אראפגעלייגט פונקטליך ווי אזוי מען באקומט רשות, און זי האט פארגעשטעלט די ריזיגע קאנטעינער'ס, און טרעילער'ס וואס נעמען אויף יעדע שיף, און ווי שיין עס ארבעט.

נאכדעם זענען זיי געפארן אויף א שיף וואס איז צוגעבינדן צו א באלאן. דארט איז געווען וואס צו הערן, די כוואליעס זענען געווען זייער הויך, וואס פון דעם האט זיך די שיפעלע איבערגעדרייט, אלע מיידלעך זענען אריינגעפאלן אין די וואסער, זי האט פארלוירן אירע טייערע גלעזער, א צווייטע א קאמערע... פרעג נישט...

איך פארקלאפ מיין מויל: "מסתמא האט זי געכאפט פון איר מאמע"...

ווארט... ווארט... ס'איז נאכנישט אלעס... נאכדעם זענען זיי געפארן צום פארק פון זאמד, קענסט זיך פארשטעלן פון די וואסער צו זאמד? זי האט אראפגעלייגט ווי זיי זענען אהיימגעקומען מיט זאמד פון קאפ ביז פיס, ביז אלע וועש און טעשער זענען געווארן צוריק ריין און אויסגעוואשן... און איר חבר'טע האט איר געפרעגט, "וואס האט דיין מאמע געטון אז דו ביזט אהיים געקומען אן גלעזער?"

ווילסט הערן א תשובה? "זי זאגט: מיין מאמע?! מיין מאמע האלט אז ס'איז זייער וויכטיג פאר א מענטש ארויסצופארן, טוישן די לופט, רייניגן דעם נפש. אמאל פאסירט אויך שאד'נס, וואס קען מען טון???

מיין שכנ'טע האט זיך געקאכט, "איך קען עס פשוט נישט פארשטיין, אזוי זיך צו מוסר נפש זיין פאר א אויספלוג!!???"

איך האב זיך צושמייכלט, "דו זאגסט דאך אליין אז זיי האלטן אז ס'איז זייער וויכטיג, איז עס נישט מסירות נפש, זיי האבן עס פשוט ליב!"



"וואס???"
- די פרוי האט עס נישט געקענט אראפשלינגען - וואס הייסט זיי האבן עס ליב? אהיימקומען אן גלעזער, שמוציג פון קאפ ביז פיס, מיט צובראכענע ביינער, און נאך זאגן איך האב עס ליב???"

איך זע אז דער שמועס פירט זיך אין ערגעץ נישט זאג איך איר, "וואס קען מען טון, עס איז דא משוגעים אויף די וועלט..."

זי שאקלט צו מיטן קאפ, "אזוי ווי דו זאגסט. אוי, עפעס שמעקט דא פארברענט... איך מוז צוריק לויפן צו מיינ טעפ"... זי לויפט אריין אין שטוב.

איך פארמאך די טיר אונטער מיר. זי פרעגט א גוטע שאלה... וואס ברענגט צו פאר א מענטש ארויסצופארן און קלעטערן אויף בערג, קריכן אויף ביימער, און שפרינגען אין די לופט???

שטעלט זיך פאר א טיטשער וועט פארן ארויסנעמען די קלאס אויף א אויספלוג, אראפלייגן פאר די מיידלעך ווי שלעכט און איבל'דיג מען פילט אויפן וועג, ווי הייס עס איז דארט אין פארק, און ווי שרעקעדיג די ריידר'ס זענען, קיינער וועט נישט וועלן קומען... און אפילו די קינדער זענען זייער וואויל און וועלן יא מיטפארן, וועט מען בלאזן די גאנצע וועג, מען דארף דאך אבער אמאל באלוינען מיט עפעס א קינד, מאכט מען א טראסק ווי גוט עס איז, און וויפל פאן מען גייט האבן, די קינדער קוקן ארויס



אויפן גרויסן טאג. און רעדן נאכדעם א האלבע יאר ווי גוט עס איז געווען, קיינער געדענקט נישט די איבל'דיגע נסיעה, און קיינער רעדט נישט פון די היץ און שווייס וואס האט זיך געגאסן, אזוי וואקסט מען אויף אז א אויספלוג איז עפעס... עפעס גאר א גוטע און פעסטע אטראקציע אריבערצוגיין.

א זאך וואס א מענטש ווייסט אז עס גייט אים ברענגען הנאה, עס גייט אים מאכן גוט, איז ער גרייט זיך צו אנשטרענגען און טון אלעס אין די וועלט עס צו דערגרייכן.

איך זע אין גאס א פרוי ארומלויפן פון איין געשעפט צום צווייטן, די בעיבי אין וויגל וויינט, זי אליין זעט אויס אויסגעשעפט און מיד. ווער הייסט איר זוכן מעטשינג זאקעלעך אייניג פאר אלע קינדער? זי וויל, זי האט ליב צו זען אלע קינדער אנגעטון אין א פונקליכע סעט.

מיט אזא בליק זעט מען אינגאנצן אנדערש אלע מעשיות פון די גרויסע פרויען אין אלע דורות וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר די תורה. אנשטאט צולייגן די פאקוס אויף די פיין און לייד וואס זיי זענען אריבער. קומט קוקן אויפן זיסן לעבן וואס די תורה געבט, די רוהיגקייט און פריילעכקייט וואס א מענטש פילט ווען ער לעבט על פי תורה.

לאמיר נישט אויפבלאזן וויפל מען מוז אוועקגעבן פאר די תורה. קומט קוקן אויף די גוטע זייט. קוק, ווי זיס עס איז דער לעבן אז מען איז מוותר, אזוי געשמאק א שבת טיש, אזוי שיין איז צו גיין אנגעטון איידל און רייך. אז מיר וועלן האבן א ליבשאפט צו די תורה, אז אונזערע קינדער וועלן פילן די זיסקייט פון די הייליגע תורה, וועלן זיי שוין במילא דאס נישט אוועקווארפן. מען איז גרייט זיך צו אנשטרענגען און זיך אפילו מוטשענען. ווייל דער גוטער טעם איז נאך בעסער.

און אויב פיל איך נישט קיין זיסקייט? מיין אינגל האלט נישט ביים עפענען א משניות אין שטוב. איך

**זיי זענען אהיימגעקומען מיט זאמד פון קאפ ביז פיס, ביז אלע וועש און טעשער זענען געווארן צוריק ריין און אויסגעוואשן... און איר חבר'טע האט איר געפרעגט, "וואס האט דיין מאמע געטון אז דו ביזט אהיים געקומען אן גלעזער?**

האב שוין נישט קיין נערוון אזויפיל ארומצוזוכן ביז איך טרעף א שיינע קלייד, וואס איז אויך צניעות'דיג. דעמאלט לויף איך צום אייבערשטן, "טאטע זיסער, קוק ווי ער זעצט זיך אוועק עסן אייז קרעים, מיט אזא געשמאק. געב אים אויך אריין א ליבשאפט צו משניות, ער זאל זיך אוועקזעצן מיט א משניות און פילן דעם גוטן טעם. הייליגער באשעפער, קוק אויף די קליינע מיידלעך, ווי זיי שפילן מיט זייער דאלי, טוען אן, טוען אויס, טוישן די קלייד און צוריק אויף די אנדערע. העלף מיר הייליגער באשעפער איך זאל אויך קענען מיט אזא געשמאק זיך אוועקשטעלן ביים שפיגל זען אויב איך בין אנגעטון ווי מען דארף, און אכטונג געבן יעדע קלייד זאל שטיין גוט, שיין און איידל". העלף מיר הייליגער באשעפער! איך זאל ליב האבן דיינע זיסע מצוות. און איינמאל איך וועל עס ליב האבן וועל איך שוין נישט זען די פלאגעניש אין דעם.

**די תורה איז זיס די מצוות איז שיין, דאס האט ביי מיר חן ▪**



# איך גיי מיט דיר

ביים שיידוועג נעמי שטייט
מיט רות און ערפה באגלייט
און געזעגנט זיך פון זיי
אירע שנירן צוויי.

די הונגער איז פאראיבער
וויל זי דעריבער
צו איר לאנד צוריקגיין
איינער אליין.

פיל מיט טרערן
וועט זי זיך אומקערן
אן איר מאן און קינדער
וואס זענען נעבעך אומגעקומען באזינדער.

נעמי זאגט: „מיינע טעכטער טוט אויסהערן
איך האף עס וועט אייך נישט שטערן
קערט זיך אום אהיים, גייט
און געזונט און שטארק בלייבט".

ערפה האט די פיס געהויבן
צוריק צו איר היים, איר גלויבן
אין וועג זיך ארויסגעלאזט
אויף אייביג זיי פארלאזט.

אבער רות גייט נישט, ניין
בשום אופן צוריק גיין
מיט א פעסטקייט אין איר טאן
צו איר שוויגער זי רופט זיך אן.

וואו דו וועסט גיין
וועל איך גיין.
וואו דו וועסט נעכטיגן
וועל איך נעכטיגן.

דיין פאלק
איז מיין פאלק.
און דיין גאט
איז מיין גאט!

מיט די קרוין פון צניעות באצירט
אין די פעלט פון בועז איידל געפירט
געפאלגט איר שוויגער ביי יעדע ריר
האט איר דער אייבערשטער באצאלט אן א שיעור.

מסירת נפש ארויסגעוויזן
דאס אומגלויבליכע באוויזן
צום אידישן פאלק געעפנט די טיר
מלכות בית דוד ציהט זיך דורך איר!

טייערע שוועסטער, אויך היינט
קען מען שפירן ווי מען טאפט א וואנט
ביים שיידוועג מען שטייט
מיט די מאן באגלייט.

צו טוט זיך לוינען
מיט אים אהינצוגיין וואוינען?
זאל איך אים פארהאלטן
אדער פונעם זעלבן צדיק האלטן?

העושה רצון בעלה
איז דאך די גרעסטע מעלה
ווייל איך ווייס נישט וואס און ווען
דער אייבערשטער האט א פלען.

מיין טייערע מאן:
וואו דו וועסט גיין
וועל איך גיין.
וואו דו ווילסט וואוינען
וועל איך וואוינען.

דיין צדיק
איז מיין צדיק.
און דיין גאט
איז מיין גאט!

א הייסע תפלה מען בעט
גרויסע ניסים מען זעהט
חס ושלום זיך אוועק רירן פונעם תורה וועג
און טון נאר וואס מען מעג

ווייל יעדע מאן און ווייב טוען דאך באגערן
כבוד שמים צו פארמערן
די שכינה זאל רוען אין זייער שטוב
דאס איז וועס דער אייבערשטער האט ליב

און ער באצאלט מיט רווחים
עס נצח נצחים
מיט דורות ישרים מבורכים
וואס גיין אין ערליכע דרכים, אמן!

די הייליגע חכמים פרעגן (ברכות ז:):

**"פארוואס ווערט רות**
**אנגערופן מיט דעם**
**נאמען?**
**שֶׁזָּכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּה דָּוִד**
**שֶׁרִוָּהוּ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ**
**הוּא בְּשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת,**
**ווייל 'רות' איז א לשון**
**פון טרינקען, און**
**מען רופט איר אזוי**
**ווייל פון איר איז**
**ארויסגעקומען דוד**
**המלך וואס האט**
**אנגעטרינקען דעם**
**אייבערשטן מיט**
**דעם ספר תהילים".**

קונטרס עצתו אמונה
פרשת בהר בחוקותי תשפ

בס״ד

מ. וועבערמאן



שבועות עסט מען מילכיגס, פארוואס?
ביי ברסלבע חסידים ווייסט מען דאס.
ווייל א פיצל קינד מילך טרינקט,
עס לערנט אונז זיך באנייען פינקט.
ווי אויך אלע אונזערע טעג,
תורה זאל זיין אונזער לעבנסוועג!



• בית פיגא ווערק •

# רחל אשת רבי עקיבא

רחל וועבערמאן און מרת ש. שניטצלער

רחל דאס געצערטלט קינד פונעם רייכן פאטער כלבא שבוע, איז געווען אן איינציג קינד צו אירע פארמעגליכע עלטערן.
זיי האבן געוואוינט אין א פאלאץ וואס אזאנס גלייכן איז נישט געווען צום געפונען. רחל׳ס לעבן איז געווען דאס חלום פון יעדן קליין קינד, זיין אן איינציג קינד מיט יעדע פיטשעווקע וואס קומט נאר אין געדאנק.
צו איר טאטע כלבא שבוע׳ס רייכטום איז נישט געווען קיין ענדע. געלט, גאלד, בהמות, הייזער, פאלאצן, וועלדער און פעלדער.
ער האט געהאט גענוג געלט צו אויסהאלטן דאס גאנצע שטאט ירושלים און נאך.

פארשטייט זיך אז אזא חשובע משפחה ווי כלבא שבוע דארף טון דאס בעסטע שידוך מיט זייער טאכטער! א בחור דאס בעסטע וואס מען קען נאר טרעפן אויף די וועלט, א איידעם א גרויסער תלמוד חכם, וואס וועט לערנען טעג און נעכט אן אויפהער, פארשטייט זיך אז כלבא שבוע וועט אים אויסהאלטן דעם גאנצן לעבן כדי ער זאל קענען לערנען אן קיין שטער.

מען האט אנגעטראגן יעדע גוטע בחור וואס איז נאר פאראן, רייכע, תלמידי חכמים און אזוי ווייטער. אבער... רחל זאגט ניין!

***

אין די פעלדער און וועלדער פון כלבא שבוע דריידט זיך ארום א ארימע פאסטוך מיטן נאמען עקיבא.

ער איז געווען נישט נאר ארעם אין געלט, נאר אסאך מער ארעם אין תורה, קיין ווארט תורה האט ער נישט געקענט. אפילו די אלף בית דאס וואס יעדע קליין קינד קען, האט ער דער פערציג יעריגער עקיבא נישט געקענט.

***

רחל איז געזעצן ביים פענסטער און זיך ארום געקוקט אויף די פעלדער ארום דעם פאלאץ. יעדן טאג האט זי געזען דעם פאסטוך עקיבא פאשען די שעפעלעך. רחל האט געזען אין אים אז מיטן אים אביסל אויפבויען און געבן גוטע ווערטער, קען ער נאך אויסוואקסן א גרויסע צדיק!

רחל איז געגאנגען צו איר טאטע מיט ציטערדיגע טריט, בעטן א אינטערעסאנטע בקשה: טאטע, איך וויל חתונה האבן מיט די פאסטוך עקיבא!!!

כלבא שבוע איז געווארן ווייס ווי קאלער. וואס??? דער ארימער עקיבא'לע, דער עם הארץ? דו ביזט דאך עפעס העכער ווי דעם!

ניין! ניין! און נאכאמאל ניין! עקיבא איז נישט דיין חתן! ער איז א ארימער עם הארץ, און דו ביזט די טאכטער פון דעם גרעסטן עושר און תלמיד חכם. אזוי ווי איך בין, אזוי וויל איך דיין חתן זאל זיין!

רחל האט אבער געשפירט אז עקיבא איז איר חתן, מיט וועם זי דארף חתונה האבן און אויפשטעלן א ערליכע שטוב.

געזאגט און געטון, זי האט חתונה געהאט מיט דעם ארימען פאסטוך עקיבא. איר טאטע כלבא שבוע איז געווען זייער ברוגז אויף איר פארוואס זי האט חתונה געהאט מיט אן עם הארץ. ער האט גענומען די פרישע פארפאלק און פארשיקט פון זיינע פאלאצן, און נישט געגעבן קיין פרוטה צום לעבן!

***

די פרישע פארפאלק רחל און עקיבא זענען געגאנגען וואוינען אין א פארשטיפטע שטאל, עפעס א חורבה ביים עק שטאט. זיי האבן געלעבט א פרייליכע לעבן, א לעבן מיט שלום און ליבשאפט!

רחל האט זייער שטארק מחזק געווען עקיבא, אים געגעבן גוטע ווערטער און אסאך אויפגעבויעט!

איין טאג נישט האבנדיג וואס צו טון אין זייער חאטקע, זענען זיי געגאנגען שפאצירן אביסל, זיך אויסלופטערן אויף די פרישע לופט.

אזוי גייענדיג באמערקט זי אן אינטערעסאנטן עפיזאד. א שטיין, און העכער דעם שטיין רינט טראפעלעך וואסער איינס נאך די צווייטע, און... ס'ווערט א לאך אין די שטיין!

רחל רופט זיך אן: "מיין טייערע מאן עקיבא, אפשר קען אויך די ווערטער פון תורה עפענען אפילו א שטיינערנע קאפ?"

עקיבא האט אויסגעהערט די ווערטער פון זיין געטרייע ווייב רחל. ער האט זיך אריינגעזעצט אין א כיתה א' לערנען אלף בית, נאכדעם די הייליגע נקודות, טראץ דעם וואס יעדער האט חוזק געמאכט פון אים איז ער ווייטער אנגעגאנגען, ער איז געשטיגן מעלה מעלה.

ביז... פון א ארימע פאסטוך איז אויסגעשטיגן די הייליגע תנא רבי עקיבא, וואס האט געהאט פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים!!!

צוריק קומענדיג נאך פיר און צוואנציג לאנגע יארן הארעווען אין תורה האבן זיך די שטאט מענטשן צאמגענומען אים צו מקבל פנים זיין, אויך איז רחל געקומען צום קבלת פנים, צו קענען קוועלן נחת פון איר חשובן מאן. די תלמידים זעענדיג ווי א פרוי שטיפט זיך דא אריין האבן איר געוואלט אוועק שטופן, האט די צדיק רבי עקיבא זיך אנגערופן: "שטופט איר נישט אוועק, ווייל מיין תורה און אייער תורה איז נאר אין איר זכות!!!"

***

**טייערע אידישע פרויען!** מיר האבן א מורא'דיגע כח צו אויפבויען אונזערע מענער, דורך ניצן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פון 'נקודה טובה' - קוקן נאר גוט אויפן מאן, און בעטן דעם אייבערשטן פאר א ערליכע תורה'דיגע שטוב. מאכן א עסק פון די לערנען און ווייזן אינטערעסע ווען ער איז מסיים עפעס, דורך אהערשטעלן שיינע סיומים, און אויסדרוקן שעצונג אויף זיין סיום וואס ער האט געמאכט, וועלן מיר אלע מיטן אייבערשטנ'ס הילף זוכה זיין אויפצושטעלן ערליכע אידישע תורה'דיגע שטובער.

# מתן תורה




געשריבן דורך:
ח.פ. און א. ז.
תלמידות בית פיגא קרית ברסלב

אלץ טראכט איך הלוואי
וואלט איך געקענט זיין ביים בארג סיני.
וואס עס האט זיך ביים בארג סיני אפגעשפילט
האט יעדע אידישע נשמה מיטגעפילט.

ביים בארג סיני אלע אידן שטייען
גאנץ פאלק ישראל אין פארנט פונעם בארג אין גראדע רייען.
די חיות און פייגעלעך טוען נישט ברומען נישט שרייען
קיינער טוט זיך אין גאס ארומדרייען.

נישטא קיין גערעדעכטס, געלעכטער אדער געוויינען
אלעס אין די וועלט איז געקומען צו אן אפשטעל,
ווייל מען גייט דעם אידישן פאלק באניינען.

איך פרעג צו מיר אליין קען מען דען היינט אויך די תורה באקומען.
יא, מיט א פרישקייט ביים בארג סיני
מיר זענען מיטן אייבערשטן ארומגענומען.

נעשה ונשמע מיר וועלן טון מיר וועלן הערן
וואס דער אייבערשטער וועט אונז באגערן.
דער אייבערשטערווארט דו זאלסט זיך צום אים צוריקקערן
ער נעמט דיר צוריק גערן.
דעם רבי'נ'ס עצות לערן
וועט דיר ווערן גוט, ווייל דער יצר הרע וועט דיר נישט קענען שטערן.

יעדן טאג האסטו נאך א געלעגנהייט
דאנק דעם אייבערשטער פאר דעם נ"ץ אויס די צייט
דו קענסט יעדע מינוט קומען נענטער צו אים אפילו דו פילסט ווייט.

אסאך מענטשן פילן די ***same***
קיינער דארף נישט זיין ***ashamed***
דו ביזט שוין ביים אייבערשטנ'ס זייט!!!




## "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!"

עֶס אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט הַלֵל, מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד זָאגְן "אַקְדָמוּת", מֶען וַוארְט מֶען זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" דֶער אִיד וָואס נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אִיז אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיטְ'ן טַלִּית אוּן שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!" עֶר הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען: "סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מֶער פוּן אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער!"

אַלֶע מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ 'וָואס גֵייט דָא פָּאר? וָואס אִיז הַיינְט - שִׂמְחַת תּוֹרָה? הַיינְט אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת! וָואס טַאנְצְט עֶר אַזוֹי? וָואס שְׁרֵייט עֶר אַזוֹי?!'

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וֶוער עֶס אִיז דֶער אִיד וָואס טַאנְצְט אַזוֹי?

גֶעוֶועןן אִיז דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ מַאכְן פְּתִיחַת הָאָרוֹן, עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּנֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ; פַּאסִירְט אֵיין יָאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אוּן עֶר וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ: אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער; רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוּם דִי תּוֹרָה אוּן הוֹיבְּט אָן טַאנְצְן, עֶר שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ נֵייעֶ זַאךְ, אַ נֵייעֶ קְלֵייד, אַ נֵייעֶ חֵפֶץ.



שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!!!

עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אַרוּם דֶעם בִּימָה, אוּן וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָאס גֶעזֶען הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי תּוֹרָה.

לָאמִיר אַלֶע טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לָאמִיר אַלֶע שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער

# די בערג שמועסן

געשריבן דורך:
**בלומא זעלקאוויטש,**
**אסתר מלכה דעפריס,**
תלמידות בית פיגא - קרית ברסלב

טייערע קינדער, ענקער רבי /לערערין האט זיכער דערציילט גאר אסאך מעשיות לכבוד דעם הייליגן יום טוב שבועות, מן הסתם האט מען אויך דערציילט די מעשה פון מתן תורה אויפן בארג סיני און פארוואס מ'האט געגעבן די תורה אויפן בארג סיני; יעצט טייערע קינדער לכבוד שבועות,

**לאמיר זיך אריבער כאפן צום מדבר סיני און זיך אונטער הערן וואס די בערג שמועסן צווישן זיך:**

האסט געהערט די נייעס?

ניין, וואס גייט פאר?

איך האב געהערט אז דער אייבערשטער גייט געבן די תורה פאר די אידן און די קומענדיגע טעג, און ער גייט עס זיי געבן דא אין מדבר סיני!

טאקע?

אזוי ווי דו הערסט! איך האב אויך געהערט אז ער גייט זיי געבן די תורה אויף א בארג!

פשיהא, איך קען קוים ווארטן!

הע הע, וואס ווערסטו אזוי פריילך? מ'גייט נישט געבן די תורה אויף דיך, מ'גייט עס געבן אויף מיך, איך בין דער העכסטער בארג אין די גאנצע וועלט, א קאפ העכער פון אלע מיינע שכנים דא אין די געגנט...

עה, דו האסט נישט קיין אנונג וואס דו רעדסט! ווער דארף א גרויסע בארג? מ'דארף א בארג וואס קוקט אויס גוט, ווער נאך קוקט אויס אזוי גוט ווי מיך דא אין מדבר?... א שיינע געשטאלט, פול מיט גראז און מיט די שענסטע בלומען, קוק ווי שיין איך קוק אויס, זיכער אויף מיך גייט מען געבן די תורה!...

עטס רעדטס אלע אזעלכע שטותים! קיינער איז נישט אינטערעסירט אין קיין גרויסע בארג און נישט אויף א שיינע בארג, קוקטס אויף מיך, קוק ווי שטארק איך בין! איך קען האלטן די תורה מיט אלע אידן אויף איינמאל! זיכער אויף מיך גייט מען געבן די תורה!...

**דער אייבערשטער האט געזען ווי אלע בערג קריגן זיך און זיי האלטן זיך גרויס, און דער אייבערשטער האט געזען אין די זייט זיצט א קליינע פשוט'ע בארג - די בארג סיני - וואס קריגט זיך נישט און ער האלט זיך נישט גרויס, האט דער אייבערשטער געזאגט: "אויף דעם בארג וויל איך געבן די הייליגע תורה פאר די אידישע קינדער!"**

**טייערע קינדער, אונז קענען זיך ארויסלערנען פון די בארג סיני צוויי זאכן; איינס, קיינמאל זיך נישט גרויסן אויף אנדערע נאר זיך האלטן קליין, און צוויי, זיך קיימאל נישט קריגן נישט קיין חילוק מיט וועם, אזוי וועלן אונז האבן א שיינע זיסע לעבן!**

## חידות

אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: מ'דארף נישט ביים לערנען נאר**

**א. זאגן די ווערטער אפילו אן פארשטיין**
**ב. קוקן אויף די ווערטער פון תורה**
**ג. איבער'חזר'ן הונדערט און איין מאל**
**ד. זיכער מאכן מ'האט ארויס די סוגיא**

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

**וועלכע דריי מאל א יאר זענען די תלמידים פון רבי'ן געפארן צום רבי'ן?**
**ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**אליעזר הכהן קאהן - זערזשי סיטי**
**שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161**

קרית

ברסלב

בלעטל

## קינדער אפטיילונג

יום טוב שבועות

## טרעף

די ווערטער

*טרעף צוויי מאל דאסווארט "שבועות" פון די צעלבע קאליר*
*טרעף צוויי מאל דאס ווארט "שבועות" פון די צעלבע מין אותיות*

| | | | |
|---|---|---|---|
| שבועות | שבועות | שבועות | שבועות |
| שבועות | שבועות | שבועות | שבועות |
| שבועות | שבועות | שבועות | שבועות |
| שבועות | שבועות | שבועות | שבועות |
| שבועות | שבועות | שבועות | שבועות |
| שבועות | שבועות | שבועות | שבועות |

# טרעף די וועג

כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון מוהרא"ש דערמאנען דיך די בילדער?








### ענטפער פון פאריגע וואך

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: "יא עסן, נישט עסן, יא שלאפן, נישט שלאפן, יא דאווענען, נישט דאווענען, אבי צו זיין ביי מיר אויף ראש השנה!"**

## לאמיר שפילן סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | 5 | | |
| | | | 2 | 1 | |
| | | | | | |
| 6 | 5 | | | 3 | |
| | | 1 | | | 6 |
| | 2 | | | | 5 |

טרעף
די חילוקים

## טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער







בית מדרש היכל הקודש וויליאמסבורג - ערב שבועות תשע"ג

עצתי אמונה
בחינה

# פרשת במדבר תשפ"ג

## פון רעכטס צו לינקס

1. דער אייבערשטער איז _____ דיר ביי דיר נעבן דיר
4. נעם זיך פאר צו עסן יעדע שבת _____ סעודות
6. נאר אז עס איז דא _____ _____ קען מען זיין אפגעהיטן
7. רעדן מיט _____ _____ צו טאטע מאמע, און שווער און שוויגער
10. א פאטש פאר מיר, א פאטש פאר דיר, דער עיקר איז ווער עס געבט די _____ פאטש
13. אז דו ביסט אראפגעפאלן זאלסטו זיך _____

## פון אויבן אראפ

1. _____ און תקוני זוהר, די צוויי לימודים וואשן אפ און רייניגן די נשמה
2. מען דארף רחמי שמים צו זיין _____ ביים רבי'ן
3. מען דארף היינט אסאך בעטן אז די שטוב זאל זיין א שיינע, ריינע, _____ שטוב
5. די שטוב זאל זיין א _____, ריינע, ערליכע שטוב
8. מען קען זיך _____ צום אייבערשטן מיט שעפשן תפילות מיט די ליפן
9. זאלסט יעדן טאג טון עפעס פאר _____
11. ווער עס איז _____ און הפצה, דער איז פריש
12. די גרויסקייט פון אידישע פרויען וואס פירן זיך _____ און שערן זיך די האר



# קליין און שיין



יוטי שטיינבערג תחי' - קרית ברסלב



נחמן נתן בלום נ"י - קרית ברסלב
מוזיקאנט



אברהם יצחק און נתן פוקס נ"י - קרית ברסלב
בוטס צו קענען אדורכגיין די דענמאן טייך



## שיקט אריין א בילד
## פון אייער קינד

# מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה
# פַאר קִינְדֶער

אליעזר שלמה טייטלבוים נ״י - קרית יואל פּארצייעלט:










אברהם בנימין סאקס נ״ - טברי״ה פּארצייעלט:









# בילדער
## אפטיילונג







קרעדיט: אשר יעקב בלום




**שיפמענט פון די 'מעשה'לעך פאר קינדערלעך' אויף ענגליש אנגעקומען אין בית הדפוס**

קרעדיט: אהרן שווארץ



**די לעכטיג קינדערלעך אין היכל הקודש צפת**

קרעדיט: אהרן שווארץ



**מעריב מוצאי שבת בה"ב אין היכל הקודש צפת**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**הפצה ביים ציון פון של"ה הקדוש ערב ראש חודש סיון**

קרעדיט: משה ראזענבערג



**תלמוד תורה היכל הקודש טברי' אין פארק**



מגיד שיעור מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו ביים מאכן די סיום



סיום מסכת סוטה אין היכל הקודש ירושלים





קרעדיט: שימי גאנצפריעד

מגיד שיעור מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו ביים מאכן די סיום



סיום מסכת סוטה אין היכל הקודש בארא פארק





קרעדיט: אברהם יצחק ברוין



קרעדיט: אברהם יצחק ברוין

לחיים/ ווארט/תנאים פון החתן תלמיד הישיבה בנציון נ"י בן מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו - עב"ג מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו - ליל ששי במדבר



ווערט געבויעט א פרישער בית המדרש אין אילן החיים קאנטרי



קרעדיט: הענך אינדיג

הרב מנחם מענדל שטיין שליט"א אב"ד סאווראן באזוכט אין שטעטל, ראש חודש סיון

# A freshly-squeezed kosher shopping experience.





**Shavuos Upstate?**

Come stock up at the newest kosher destination.

# lemonade

SUPERMARKET

FISH | BAKERY

COMING SOON

BUTCHER | SUSHI | DELI | GRAB & GO

BREADBERRY

COMING SOON

JUDAICA | HOUSEWARES

261 N Main Street, Liberty, New York 12754 | 845.218.1244